STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08813

# AZOY VI IKH BIN

Rose Z. Nevodovska

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַזוי ווי איך בין

## לידער

— פון —

ראָזא נעוואדאָווסקא

1933—1936

אַרויסגעגעבן פון ראָזא נעוואַדאָווסקא בוך־קאַמיטעט

לאָס אַנגעלעס ◉ ניו־יאָרק

# "AS I AM"

COPYRIGHT 1936 BY
ROSE Z. NEVODOVSKA
LOS ANGELES, CALIFORNIA

באַנד 1
ערשטע אויפלאַגע

**צום דרוק**

**פון**

**ראָזא נעוואָדאָווסקא:**

„אויף די שוועלן פון העלזעהן" — עסיי.
לידער II באַנד.
לידער III באַנד.
לידער פון ליבשאַפט.
„צ י ג ל" — עסייען פון דער אידישער ליטעראַטור.
איבערזעצונגען:
„א ב ל אַ ק אַ" — עקוויריטמישע איבערזעצונג אין רוסיש פון ה. לייוויק'ס „וואַלקנס אַהינטערן וואַלד":
„צ וו ע ל ף" — פון אַלעקסאַנדער בלאָק — פון רוסיש אין אידיש.

אויפגעזעצט פון ש. גילדער — אַטלאַס טייפסעטינג קאָ.
געדרוקט אין דער פאַסיפיק פרעס
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניא

# אַ וואָרט

דער וועג דורך לידער איז דער וועג פון דעם מענטשן צו זיך אַליין.

מיר לעבן אין אַ גרויסער צייט. און יעדער טאָג שפּיגלט־זיך־אָפּ אין דער נשמה פון מענטשן.

און לאָזט איבער שפּורן.

אַמאָל טיף־אויפגעאַקערטע, אַמאָל, ווי אַ באַריר פון אַ בלאַט, וואָס פאַלט אַראָפּ צו דער ערד...

אַ גרויסע געשעעניש באַרוישט אַמאָל אַזוי, אַז יאָרנלאַנג קען מען דעם פּאַסיקן וואָרט נישט געפינען.

מוז מען געדולדיג וואַרטן, ביז די ווערטער וועלן רייף ווערן. וועלן אַליין קומען.

פאַרוואָס איין זאַך רירט אַמאָל טיף און רופט באַלד אַרויס ענטפער ביים דיכטער;

פאַרוואָס אַז אַנדערע ווירקט אַזוי, אַז עס איז קיין ווערטער נישטאָ,— געהערט צו די געהיימנישן, פאַר וועלכע עס איז נאָך דערווייל קיין דערקלערונג נישט געפונען געוואָרן.

האָב איך געזען אין די מדבריות פעלזן, באַוואַקסענע מיט ביימער. און אויף פעלדער — ערטער באַוואַקסענע, מיט שטיין.

און —

איין געוויקס ווערט רייף אַנהויב זומער. אַן אַנדערער — סוף האַרבסט.

וועלן מיר פרעגן פאַרוואָס?

איך בין טריי צו דעם געזאַנג, וועלכן איך הער. און וועלכן איך טראָג אין זיך.

דער וועג צום ליד האָט נישט קיין ענד. איבער יעדן שפּיץ שטייגט אַ העכערער.

איז עס גוט אַזוי.

איך בין, ווי אַלע.

נאָר איך ענטפער־אָפּ אויף די געזאַנגען פון אונזער וואָר מיט שורות פון לידער.

איך בין — אַזוי, ווי איך בין.

איך האָב דערקאָנט דעם טעם פון אָפּהיטן לעבן. ווען אַרום און אַרום לויערט געפאַר.

ליב איז מיר שווייגן און וואַרטן אויפ'ן וואָרט, וואָס רייפט־זיך.

אויך איז מיר באַקאַנט די פרייד פון אָפּהיטן דעם אָטעם פון שטילע ווערטער, ווען פון אַלע זייטן לויערט רעש...

ראָזאַ ז. נעוואָדאָווסקאַ.

מיין מוטער ע"ה
צום אנדענק.

צו מיין פֿאָטער
מיט גרויס ליבשאַפֿט

# פיר לענדער

פיר לענדער צווישן אַנדערע זיינען מיר באַזונדער טייער...
סאָוועטנלאַנד, וואו מיין קינדהייט האָט געפרילינגט און געבליהט,
אידישלאַנד, וואָס איבער וועלט געצונדן איז איר פייער,
אַמעריקע — מיין צווייטע היים, וואו געזומערט האָט מיין ליד...

און נאָך אַ לאַנד — אַ בלויע לאַנד... איר נאָמען אין די תפילות,
וואָס מיינע עלטערן האָבן מיט בענשונג דריי מאָל אַ טאָג דערמאָנט.
מיט וואונדער־מעשים האָב איך איר פון קינדהייט פרי פאַרהילעט
און איצט, אין וואונדער־אויפבלי אירן, מיין אייגענעם דערקאָנט.

אויף ברעגן ברייטע פון דער וועלט — ווערט יעדע לאַנד אַ נאָענטע...
אומעטום דערזעלבער מאַטער, פיין און שווערע נויט...
פיר באַזונדער וועל איך דאָך — צווישן אַנדערע דערמאָנען
און בענשן, ווי מען בענשט אין הונגער, דעם שוואַרצן לאַבן ברויט...

# פרייהייט־ווײַן

מיר טראָגן צאַרטקייט דורך מלחמות,
ווי קינדער טראָגן ליכט אין ווינט.
מיר, אַ דור מיט שטאָלענע נשמות,
וואָס חובות צאָלט פאַר אַלטע זינד.

ווער בענקט אַזוי נאָך שיין פון שטערן,
ווי דער וואָס וואַרט אין יאָך פון טאָג!
ס'זאָל די נבואה מקוים ווערן
פון לעצטן אָנזאָג און פאַרזאָג:

עס זיינען אַלע פעלקער ברידער,
עס זיינען אַלע מענשן פריי.
מיליאָנען קומען־אויף פון נידער,
אויפבויען די וועלט אויפסניי.

מיר טראָגן בענקשאַפטן נאָך שלום.
מיר ברענגען שטראַליקייט און שיין.
מיר, אָנזאָגער פון נביא'ס חלום —
די גאַנצע וועלט באַפרייט וועט זיין.

מיר טראָגן צאַרטקייט אויף די פינגער,
אונזערע הימלען וויגן שטערנשיין.
אין אונזער שטים פלאַנעטן זינגען:
פילט־אָן דעם כוס מיט פרייהייט־ווײַן!

# היימלאָזע

אַז מען האָט ניט קיין היים — איז די וועלט אונזער היים.
אונזער בעט — איז די ערד, אונזער דאַך איז דער הימל.
פון גרויסשטאָטישן שוים — מיר שווימען אויף, ווי פון תהום,
ווען נאַכט איז אין שטאָט, ווען שטאָט איז אין דרימל.

אויף סקווערן, לעם בריקן — מיר לייגן זיך אויס.
ווי געשפּענסטער אין נאַכט — אונזערע גופים פאַרדאַרטע.
דער סקווער איז היינט בעט און אָפּדאַך און הויז —
און מיר... בלעטער פון ווינטן צוזאַמענגעשאַרטע.

איבער סקווערן און בריקן קוקט לבנה און נאַכט.
ס'צעטראָגן די ווינטן אונזער לעבן און אָטעם.
אונזער נויט, אונזער הונגער האָט אַהער אונז געבראַכט —
צו ליגן אויף סקווערן — ווי נאַכטיקע שאָטנס.

טעג אָן אַרבעט פאַר אונז... טעג אין נויט, טעג אָן ברויט.
מיר צעטראָגן אין טומל, אין רעש פון די גאַסן
אונזער וואַרנונג און אָנזאָג: מיר זיינען גרייט!
פאַר'ן קאַמף, פאַר'ן לעצטן... פון קלאַס קעגן קלאַסן.

אַז מען האָט ניט קיין היים — ווערט די וועלט אונזער היים,
אַז מען האָט ניט קיין ברודער — ווערן ברידער מיר אַלע...
פאַרברידערונג פאַרשפּינט אונז איינעם געהיים,
מיר ווערן זיך נאָנט.

# צו די שוואַרצע פרויען

פון אייערע היימען גייט איר אַרויס, ווי פון אַ געטאָ,—
אין שטילער מידקייט קערט־איר־זיך־אום פאַרנאַכט צוריק
צו אייער דאַרן מאָלצייט — פון די טישן פעטע,
וואָס איר האָט צוגעגרייט פאַר זאַטן מויל און בליק.

איר קומט צוריק צום מאַן, איר קערט זיך אום צו קינדער,
דערציילט אין שטילן צער, פון לאַנגן, שווערן טאָג...
דאַן דוכט זיך אויף אַ ווייל: ס'וועט, אפשר, ווערן גרינגער...
מען וועט נישט דאַרפן, אפשר, זיין אַזוי פאַרנומען און פאַריאָגט.

גאַנצע טעג און יאָרן — רייניקן און וואַשן —
יענעמס ליכטיק הויז, פרעמדן שטויב און שמוץ,
אַליין אין אָרעמקייט — מיט אויגן טיפע נאַשן
פרעמדע רואיקייט, פרעמדע האָב און גוטס.

דער אָוונט לויפט. די נאַכט פאַלט צו אַ מידע
צו יעדן ווינקעלע פון אייער ענגער היים.
נאָר אַ שטילער זיפץ, אָדער אַ וואָרט, ווי צויבער־פידל,
בלייבט הענגען אינדערלופטן, ווי נישט אויסגעוויינט געוויין.

ווי נאָר פרימאָרגן בלויט איבער אייער שוואַרצן געטאָ,
די סאָבוויי שלינגט אייך שוין און שלעפּט צו עקן שטאָט.
אייערע אומעטיקע אויגן — ווי אויגן פון פּאָעטן...
פאַרוואָס איז אַזוי אונטערטעניק־שקלאַפיש אייער טראָט?

# איבער אויסגעפּוצטע גאַסן

כ'גיי איבער אויסגעפּוצטע גאַסן פון דער גרעסטער שטאָט.
גייט־מיר־נאָך אַ קול אויף גאַסן, גייט־מיר־נאָך — און שפּאָט:

זעסט דעם טורעם, אָט דעם שלאַנקן? זעסט זיין שטאָלצן קאָפּ?
דעם ציגלטרעגער'ס כחות צאַנקען — דאָס איז היינט זיין גאָב.

ס'לויפן, ס'שאַלן די מאַשינען איבער ברייטער גאַס —
מענש דאָ טראָגט־זיך פון באַגינען, ווי אַ שאָטן בלאַס.

זעסט די שפּיגלדיקע וועגן? רחבות'דיקע, ברייט?
ברייט און רחבות'דיק אויף שטעגן ליגט צעלייגט די נויט.

גיי־איך ווייטער, גיי־איך שנעלער. ס'איז אויסגעפּוצט די שטאָט.
לעבן ברייטן סקווער אַ קעלער — ס'לאַכט אַ מויל פול שפּאָט . . .

לעבן שפּיגלדיקע פענצטער — שטייט אין שמאַטעס נויט.
לעבן בעקערייען שענסטע — חלומ'ט עלנט: ברויט!

זעה איך פּלוצלונג — צווישן וואָלקנס זון אין רויט פאַרגייט.
העלע הימלען טראָגן מאָרגנס. פאָנען פלאַמען — רויט...

ליגן אויסגעפּוצטע גאַסן און וועגן אוים אין וויג —
קאַמף און קריג פון קלאַס צו קלאַסן און דעם לעצטן זיג.

# אַן אַרבעטסלאָזער

עקשנות'דיג די פּלייצעס. דער יונגער קערפּער דין.
עס בּרענען אויגן פינצטער. די נויט שפּינט, ווי אַ שפּין.

עס ביילן זיך די פויסטן. עס בלאַנקען פייכטע ציין.
ליפּן דין פאַרביסן. די פּיס אין ליד פון גיין.

אָדערן — שנירלאַך בלויע, ריטשקעלאַך מיט בלוט —
פליסן, קלאַפּן, שטורעם. שטורעם, היים, ווי גלוט:

אָט וועלן מיר נעמען, אַרבעטסלאָזע הענט,
אָט וועלן מיר שטורמען, שטורמען אַלטע ווענט.

אָט וועלן מיר בויען אַ וועלט, אַ וועלט אויפסניי.
זינגען וועלן אָדערן, דאָס בלוט וועט זינגען פריי.

אָדערן — שנירלאַך, בלויע, ריטשקעלאַך מיט בלוט —
קאָכן שטיל מיט שטורעם, קאָכן פרייהייטס־גלוט.

# אַ פליקערין

ענג דאָס קעמערל. עס ליגן טויטע הינער.
ווי אירע גאָלדענע טעג, געשאָכטענע אין פּיין.
קולות טראָגן זיך. געשרייען שאַרפע, דינע:
„איך קען ניט וואַרטן. איך וויל די ערשטע זיין."

איר יונגער קאָפּ טיף, טיף אַראָפּגעבויגן.
גאָלד מיט קופּער מישן זיך אין די האָר...
עס שמייכלט פּיין פון אירע שוואַרצע אויגן:
איז דאָס מיין לעבן? צי אַ חלום אויף'ן וואָר?"

די הענט זיי פליקן. שוואַרצע הינער, ווייסע...
עס פליען פעדערן. עס רינט אַביסל בלוט.
פון אויגן טונקעלע צווי קאַרגע טרערן, הייסע.
טיפער ווייטאג אין די ליפּנווינקלען רוט.

איר העלער קאָפּ שווער, שווער אַראָפּגעבויגן,
פּוך און פעדערן אין קאַרבן פון די האָר.
שוואַרצע, ווייסע הינער פאַר די אויגן...
ווי פייל פון בויגן, פאַרפליהט אַ יאָר, אַ יאָר!

# אַ מיידל פירט דעם עלעוויטאָר

דער טאָג דרינגט אַהין קיינמאָל נישט אַריין...
דאָרט הערשט אַן אייביק פאַרנאַכט,
צי ס'איז אָפן די טיר, צי די טיר איז פאַרמאַכט.

אַרויף און אַראָפּ איז דער וועג,
ווי פון אַן עמער אין ברונעם...
פול מיט מענשן, וועלכע צערינען, ווי וואַסער—
אין פאַרשיידענע עטאַזשן, זיי גייען, זיי קומען.

די מיידל, וואָס פירט די מאַשין...
איך קען נישט פאַרגעסן דעם שטילן פיין
פון אירע דינע, פאַרדאַרטע גלידער.

ווען איך גיי איבער רוישיקע גאַסן,—
גייט זי מיר נאָך. און דער טונקלער ווינקל
פון עלעוויטאָר איז ווי צוגעוואַקסן צו איר.

איך זע איר פּנים בלאַסן, אירע איינגעפאַלענע באַקן...
זיי זיינען ווי וואַקס, באַפאַרבטער מיט ביליקן רויט.
איר פאַרשטילטער מויל שרייט צו מיר, שרייט.

שרייט פון פאַרטונקלטע טעג אין ווינקל פון עלעוויטאר.
אירע דינע הענט, די בלייכע פינגער, מיט די באַפאַרבטע נעגל,
ציהען־זיך, ווי אָפּגעדאַרטע צווייגן אויף אַ יעשנדיגן בוים...

אין אירע אומעטיקע אויגן שפּיגלט־זיך שיין פון אַ לעמפּל,
וואָס ברענט דעם גאַנצן טאָג איבער איר קאָפּ,
ווי אַ יאָרצייט־ליכט...

## שו־שײַן־שאפּ

דער טאָג איז שײַן.
און אויף די געפּוצטע שיך טראָגן מענשן פּיצלאַך זון.
ווײַסט דער שוואַרצער טאָם דערפון.

זיצט ער מיט זײַנע בערשטלאַך,
מיט זײַנע ברעטלאַך בײַ דער זײַט.
שפּיגלען זון די טיפע אויגן און פאַרבלאָנדזשעטע ערגעץ ווײַט.

אין העלן שײַן —
זײַן שוואַרצער קאָפּ אַרײַנגעשניטן...
צווישן מענשן טויזנטער,
וואָס לויפן דורך דעם סקווער,
זיצט דער שוואַרצער טאָם אינמיטן.

שו־שײַן! שו־שײַן...
גיסט־זיך זײַן מעלאָדיע און געזאַנג פון טאָג אַרײַן.

פון די שוואַרצע שיך,
וואָס טראָגן־זיך, אָן אָפּשטעל פאַרבײַ, אַף־גיך,—
ציהט טאָם דעם שוואַרצן ברויט און פאַר זײַנע ווײַב־און־קינדער
קוים אַ קלייד.

טאָם קען דעם ווײַסן, —
טאַנצן זײַנע פינגער פלײַסיק
איבער שוך דעם שוואַרצן.

זײַנע אויגן בליצן,
זײַנע ווײַסע צײַן קײַען גאָם און וויצן. —
און עס שוויצט אין מאַטער זײַן שוואַכע ברוסט,
און הוסט
און דער צונג פּלאַטערט.
אָלרײַט, סער,
אָלרײַט טאָם...
דער ניקל קלינגט.
און עס וויגט־זיך ווידער דער סקווער,
וואו עס טויכן מענשן טויזנטער,
ווי אין תהום...

# זעקלאַך קאַרטאָפל

אין דעם שפּייכלער ליגן זעקלאַך מיט קאַרטאָפל —
זעה איך דיינע אַקסלען געבויגענע אין לאַסט...
דריקט דיך זייער שווערקייט, וואָלסט פון זיי אַנטלאָפן,
ווי ס'אַנטלויפט אַ מענש, ווען עס יאָגט אים האַס.

נישט קיין קייט, קיין שטריק און דאָך ביסטו געבונדן,
גייסט און ווערסט געבויגן אונטער שווערן יאָך.
דיינע טונקלע אויגן ווערן שוואַרץ געצונדן —
און דיין מויל פאַרשלאָסן, ווי אין טיפן בראָך.

אין דעם שפּייכלער ליגן זעק מיט טעג פאַרגרויטע,
פרימאָרגנס אויסגעמעקטע, באַרויבט פון זון און ליכט...
און דו, אַ הויכער, דינער, מיט אויגן טיף פאַרטרויטע,
מיט אויגן שטיל צעגליטע אויף פאַרוואונדערטן געזיכט.

בענקסט נאָך פרישע פעלדער, זוניקייט און ווייטקייט.
אין ענגן, טונקלען שפּייכלער שניידסטו דיינע טעג...
זעקלאַך פולע ריידן, און דיינע ווערטער שוויגן —
אונטער יאָך דעם גרויען פון די שווערע זעק.

# פון שפע די ברכה

דאָס רויט פון פּערסימאָן און גאָלד פון מאַראַנצן,
ציטרינעס און לאָרבער — און קטורת אין דער לופט.
פאַרבן צווישן גרינסן טאַנצן־אום אין קראַנצן —
שפּעטזומער איבער ערד פון יעדן גראָז איצט רופט.

פון שפע די ברכה אויף אונזערע טישן.
די פרייד פון שווערער מי אין אַלע פאַרבן רוהט...
וואויל אונז די ערד פון פעלד מיט שווערן פּיין צו מישן
און אין שווייגן וויסן: פון איצט וועט אַלץ זיין גוט...

מיט ווייץ און מיט קאָרן ווערט פול אונזער שייער,
שאַרפע ציין פון מילן זיינען צום מאָלן גרייט...
אונזער האַרץ ווערט זוניק, צוויי מאָל אַזוי טייער
ווערט אונז יעדער ברודער, וואָס האָט דעם פעלד געזייט...

# לאה

איז לאה געפֿאָרן פֿון שאַף צוריק,
איז לאה געפֿאָרן אַהיים, אַהיים,
האָבן־זיך אין איר זכרון סאָסנעס געוויגט,
האָט האַרץ אירס געיאָמערט אין ביטער־געוויין...

געשטאַנען זיינען שוין דאַן פֿאַרפֿרילינגסטעג —
מיט לויטערע פֿרימאָרגנס, מיט געפֿרוירענעם טוי...
האָט געבענקט אַלץ דאָס מיידל, געבענקט אָן אַ ברעג —
נאָך היימוואַלד, נאָך פֿעלד שמעקעדיג־בלוי.

און געפֿאָרן איז לאה פֿון שאַף־אין־שאַף
קליידער צו נייען — פֿאַרשניידן אירע טעג...
די סאָבוויים אין קאָפּ — אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ...
ס׳קלאַפּט־אוים די בענקשאַפֿט איר שטעג.

קומט לאה צוגיין איר פֿינצטערן שאַפּ —
מיידלאַך בלייכע געפֿאַרבט: באַקן, ליפּן רויט!
געשניטן טעג און רויטקייט פֿון אייגענער באַק —
האָט לאה אין די נעט פֿון אַ פֿרעמדער קלייד...

## אַ שאַפּ

אַ גאַנצן טאָג קען זיך זון
צו גאַסט דורך פענצטער נישט פאַרקלייבן.
קען נישט געפינען דעם וועג
דורך לאַבירינטן
ווענט און אייזן.
דורך זיגזאַגישע שטעגן
צווישן מויערן.

ברענען לאָמפּן מיט שטעכיקן ליכט
איבער קעפּ
אַ גאַנצן טאָג...
נאַכט איז בעל־הבית דאָ...
ברענען ליכטער,
ווי צוקאָפּנס פון אַ בר־מנן...
אין שטילן שיין פון טאָג,
וואָס קומט אין שאַפּ קיינמאָל נישט אַריין.

## היימווייִ

היים מײַן ליבע, צאַרטע און פאַרטראַכטע;
היים מײַן ווייטע, צווישן וואַלד און טאָלן,
ווי די זון אין פרי,— אויפֿסניי אין מיר דערוואַכסטו,
ווען מײַנע גאָלדענע יאָרן, ווי קאָרן דאָ זיך מאָלן.

דורך דער וועלט דער ווייטער איך טראָג דיך אין זכרון,
דורך די נייע לענדער, וואָס זײַנען מילדער, שענער...
נאָר ווי זאָל איך פאַרגעסן, וואָס ליב איז פון געבאָרן,
אויף וואָס זאָל איך פאַרבייטן פון ליבסטן קול די טענער?

# פאַרגאַנגענעס

מיין פאַרגאַנגענער זיידע, איך זינג דיר אַ ליד —
צו דיר, וואָס דו האָסט מיין פרילעבן געהיט.
צו טעג, לאַנג פאַרפלויגן, איך קער־זיך איצט אום,
איך נעם פאַר אַ האַנט דיך, איך רוף: מיט מיר קום!

מיין קינדהייט פאַרטראָגט־מיך אין וואַרעמער היים —
פון פרעמדקייט, פון וויטקייט, פון הילך און געשריי.
איך הער צו אַ מעשה׳לע אין אַ ווינטערנאַכט־צו...
דיינע ווערטער מיר טראָגן, ווי אָדלערס, ווייט־וואו...

איך זע ווידער דיין פנים, דיינע אויגן, פול שיין —
איבער אַ זילבערנעם בעכער, פול דופטיקן וויין.
ס׳זינגט מיט בטחון דיין גלויביקער ניגון.
די שטוב און דיין פנים אין ליכטער זיך וויגן.

אך זע דיך אין שווערע, אין וואָכיקע טעג —
מיט שטילקייט אין קול, מיט זאָרגן אָן ברעג.
פול גוטסקייט צו אונז און שטרענגקייט צו־זיך,
מיט ציטער, אַז אויסוואַקסן אַ גוטע זאָל איך.

אין טעג פון יום־טובים — ווער איז אַזוי נאָך, ווי דו,
פול יום־טוב און גלויבן אין הייליקער רו?
מיט דיין גוטסקייט און וואָרט איז פול אונזער היים.
יעדעס ווינקעלע האָרכט פאַרכטיק, געהיים —

צו דיינע ווערטער, די קנאַפּע, פול ליבשאַפט און גלויבן.
ווי דער כשוף פון מעשיות, איז אַלץ איצט פאַרפלויגן.
אין די שורות פון ליד מיין קינדהייט נאָך בליהט...
ווי אַ בוים אין אַ סאָד, אין פרילינג, אין צוויט...

# מיין פאָטער

דיין ליבשאַפט נישט ווייזן: נישט צעלאָזן די קינדער.
זיין ווי פונוויטן, און שווייגן, שטום.
נאָר די אויגן קוקן אויף אונז, ווי אויף וואונדער.
גלעטן און שמייכלען און נעמען אַרום.

# מיין קינדהייט

בלוי איז מיין קינדהייט. זוניק און ראָז —
זומער אין וועלדער, ווינטער — אין פראָסט.
סאָסנעס און שנייען מיך נעמען אַרום.
קינדהייט, מיין ווייטע, קום־מיט־מיר, קום.

כ'געדענק די פרימאָרגנס: געלעכטער און גליק,
פרייד אַזאַ — קומען וועט קיינמאָל צוריק.
טעג, ווי די פויגל, אין בלויקייט פאַרפליען,
ווי וואָלקנדלאַך לייכטע, צו ווייטקייטן ציען.

אין שטילע פאַרנאַכטן מיט צאַרטקייט פאַרטוליעט,
אין זומער... אין ווינטער, ווען שניי זיך־צעהוליעט, —
זיץ איך לעם מאַמען און באָבען, אין שטיל.
שטערנס און שאָטן זיך שפּרייטן אויף דיל.

צו מעשיות און וואונדער פאַרטראַכט איך הער־צו...
קינדהייט מיין ווייטע, וואו ביסטו איצט, וואו?

# צו מיין היימשטאָט

איך האָב ליב מיין היימשטאָט;
די גאַסן, די גרויע —
די וועלדער, די גרינע, סאָסנאָווע,
וועלכע רינגלען זי אום,
אַרום און אַרום...
און פון די פעלדער — די ברייטע הרחבה.

כ'האָב ליב מיין היימשטאָט,
די געסלאַך, די שמאָלע.
אויף דעם שולהויף —
פאַר היונה דער געראַנגל...
עס ציט־זיך אַ לעבן,
ווי פון פעך און פון סמאָלע —
נאָר האַנדל און וואַנדל,
און וואַנדל.

כ'האָב ליב מיין היימשטאָט.
די געסלאַך אין אומעט —
דעם טייכל, פון לאַנג שוין פאַרטריקנט —
אין טעג פון דעם זומער.
... אין טעג פון אַ פרילינג
דעם קלאַפּ און גערויש
פון פאַבריקן.

טריט, לאַנג שוין פאַרשטילטע.
שטימעס פאַרשאָטנט —
לעבן־אויף אויף מיינע היימישע גאַסן,
געשטאַלטן מיר נאָנטע,
פון צייט שוין פאַרהילטע,
שטייען־אויף, ווי אָונטן בלאַסע...

כ׳זע אונזער בית־עולם
דעם גרויסן, צו־ברייטן,
וואָס שלינגט נאָך אַליץ
קברים, נאָך קברים —
און פון אונזערע קדושים —
אין טרויער פאַרהילטן —
דעם שוואַרצן זייל, וואָס רופט...
צו מערב, צו מזרח, צו צפון, צו דרום...

איך האָב ליב מיין היימשטאָט,
די מענשן, מיר נאָנטע,
די גאַסן, דעם וואַלד און דעם טייכל —
פון שטעט פון דער וועלט —
ווי אַ נאָנטע מיר העלט —
מיין שטאָט! איך זע דיך, פונווייטן!

# אַהיים־צוריקקער

מיין היים! דו האָסט זיך־געביטן, אויך איך בין שוין אַן אַנדערע...
ניטשאָ אין דיר דער אַלטער שטאָלץ, נישטאָ דער אַלטער בויג.
איך קער צו דיר זיך איצטער אום פון ווייטן וואָגלען־וואַנדערן —
ווייטע לענדער, ברייטע ימים וויגט אַנטציקט מיין אויג.

דו האָסט שוין, ווי אַן אַלטע באָבע, איינגעבויגן דיינע פּלייצעס,
ווי אַ מידער קאָפּ, געבויגן איז דיין שטילער דאַך, די ווענט...
און איך? סימפּאָניעס פון וועלט און שטעט באַרוישן מיך, פאַרפּלייצן,
בליט און בלום פון ווייטע לענדער אין מיינע קליינע הענט.

איך קוק אויף דיינע ווייסע ווענט, אין דיינע פענצטער־אויגן —
קינדהייט מיינע קוקט אויף מיר און בענקט, און חלומט שטום...
לעבן מיינס, וואָס טראָגט־מיך־אום שנעל, ווי פייל פון בויגן,
בלייבט לעם דיר אַ רגע שטיל, פאַרקלערט זיך, קוקט־זיך־אום.

אָט־דאָ, דאַכט־זיך, נישט לאַנג צוריק, איז מיין וויגעלע געשטאַנען,
אָט־דאָ, האָט מאַמע אָפּגעהיט די ערשטע, קליינע טריט...
ווי אָדלער־פליגלען, געפלאַטערט האָט דאָס האַרץ פון מיין מאַמען
און מיין יוגנט האָט, ווי ווייסער סאָד, ווי בעז איז צוויט געבליהט...

אַ לעבן אָפּגעפלאַטערט באַלד, דורך ווייטער וועלט געפלויגן,
שטיי איך איצט מיין ווייטע היים, לעם דיינע שטילע ווענט...
שטעט די גרעסטע און מדבריות פאַר מיינע טונקלע אויגן...
ווי סטרונעס פון פאַרבענקטע פידלען וויברירן מיינע הענט...

# צו מיין פֿאָטער

מיר איז אַ שאָד איצט יעדן טאָג, וואָס איך פֿאַרברענג אין וואַנדער.
וואָס איך הער נישט דיין וואָרט און זעה נישט דיין געזיכט;
וואָס איך בין ווייט פֿון דיר און לעב אַזוי אַנדערש
אין אַ ווייטן לאַנד פֿון בלוי און העלן ליכט.

איך וואָגל דורך דער וועלט, ווייט פֿו הײם, מיין שטילער.
פֿרעמדקייט רעדט צו מיר פֿון בוים און יעדן שטיין.
ווייט פֿון דיר, אַליין, ווייט פֿון מיינע ליבע,—
גיי איך נאָך אַ קלאַנג, איינזאַם און אַליין.

דורך אַלע טעג מיינע הער איך דיינע ווערטער,
זעה איך דיין געזיכט און דיינע דינע, ברוינע הענט.
דיינע רייד איבער מיר, ווי געטרייע, שטילע וועכטער
פֿירן מיך אויף וועגן, איבער אָפּגרונטן ביים ראַנד.

ווי זאָל איך דיר אויסדערציילן, וואו זאָל איך ווערטער נעמען
פֿאַר מיין ליבשאַפֿט, פֿאַר דעם באַנג אין מיר?
דורך דער וועלט איך גיי נאָך וואָס און נאָך וועמען?
איך וואַרט אויף דער רגע דיך צו זעהן און זיין לעם דיר.

ווידער זיין לעם דיר. לעם דיינע הענט געטרייע
און דיך צו זעהן און הערן דיין געזאַנג.
און אין דיינע אויגן, מיין פֿאָטער, דעם שטילן ליכט. און פֿייער
פֿון דיין וואָרט געדעכטן. דעם אמת און זיין קלאַנג.

# פון מיינע עלטערן

איך האָב פון מיינע עלטערן געלערנט פאַר קיינעם זיך־ניט־בויגן,
זיין אין־זיך פאַרשטילט, שווייגנדיק. פאַרטראַכט.
ווי אָדלער אין דער זון, קוקן דעם לעבן אין די אויגן —
און אויף ליכטיקייט האָפן דורך פינצטערניש פון נאַכט.

פון מאַמען מיינער, געאַרבט האָב איך ליכטיקייט אין האַרצן —
און ליבע צו מיין ערד: זי איז אַזוי שיין.
מיינע טונקל־ברוינע אויגן, כמעט, ווי אירע שוואַרצע.
ווי די מאַמע מיינע, בין איך אויך געוואַקסן קליין.

אין מיין בלוט איך טראָג דעם שטאָלץ און איך פון פאָטער —
זיין זינגעוודיקער ניגון — פאַרשפונען אין מיין ליד.
איך האָב אַלס קינד, נאָך צוגעזען, ווי שיין און ערליך האָט ער
מויל און וואָרט זיינעם — מיט שטרענגקייט אָפּגעהיט.

איך האָב פון מיינע עלטערן געלערנט פאַר קיינעם זיך־ניט בויגן.
זיין אין־זיך פאַרשטילט, טראָגן אַ זינגעוודיק געמיט.
ווי אַן אָדלער אויף דער זון — קוקן דעם לעבן אין די אויגן.
דורך נאַכט, דורך קעלט, דורך שטורעם — איך טראָג מיין ליכטיג ליד.

# אַ טאָג וועט זיין

אַ טאָג וועט זיין: כ'וועל דורכפליהען דעם ים —
קומען וועל איך צו דיר, מיין פֿאָטער — דו, מיין טאַטע.
צו שטאָט מיינער כ'וועל קומען, פֿונוואַנען איך שטאַם,
נאָך יאָרן פֿון וואַנדער, נאָך יאָרן פֿון פֿלאַטער.

וועל גיין מיט דיר צוזאַם, גיין מיט דיר באַנאַנד,
איבער היימישע מיינע, פֿריי־שיינענדיגע גאַסן,
צושטויבן וועט דיין האַנט, דיין ליכטיג־נאָנטע האַנט,
יאָרן פֿון ווייטקייט, פֿון פֿרעמדקייט, פֿון האַסן.

איך וועל ווידער ווערן קינד, ווערן ווידער קליין, —
נאָך יאָרן שווערע — זיין אַ שטאַרקע און אַ גרויסע,
לעם אויגן דיינע אויסוויינען פֿאַרשטיינערטן געוויין
אין טרערן פֿריידיקע און הייסע.

# פאַר אַ פּאָגראָם

פאַרשטילט, פאַרציטערט ווערן אונזערע אידישע הייזער.
די פענצטער, ווי אויגן אין קראַנקהייט פאַרמאַכט.
אויף די גאַסן געזאַנגען: אַ לויב דעם „דערלייזער."
אונזער טאָג ווערט אַ פינצטערע נאַכט.

ווי בעלמעס אויף אויגן פאַרלאָדנט די פענצטער
זיי בלישטשען ווי בלעך, און גלאָצן אין שיין.
אין טאָגיקן ליכט זיך־נענען געשפענסטער.
זיי גיסן אַנגסט דורך די שויבן אַריין.

אינדערלופטן לויערן שוין נאָנטע געפאַרן.
עס רוישן, עס קומען אומזיכטבאַרע טריט.
מיט זיכערקייט פון הערשערס, פון האַרן,
שוואַרצע אָנזאָגן די שטומקייט היטן.

מאַמעס טוליען נענטער צו זיך יעדעס קינד.
שאָקלדיג, צעשראָקן די אויפגעוואַכטע אויגן.
מיר זיינען אַלע היינט הפקר, ווי בלעטער אין ווינטער.
הפקרות האָט איבער אַלעמענס קעפ זיך צעצויגן.

די קראָמען אין מאַרק טוליען זיך נענטער צום אַנדערן,
מיט לאָדנס און טירן פאַרהאַקט.
הויך איבער אַלע קעפ טראָגט זיך און וואַנדערט,
עס וויגט־זיך אַ שאַרף פון אַ האַק...

אונזערע גאַסן טרינקען־זיך אין פרומע קאַטוילישע געזאַנגען,
מען זינגט פון געטלאַכסטער ליבע...
האַס, שנאה, סם און געפאַרן ווערן אינדערלופטן צעהאַנגען,
ווי שטריק, ווי שוידער און גליווער...

פלוצלונג געשרייען... אַן אָנזאָג: זייט צוגעגרייט!
די הימנען אויפגעהערט. המון איז געבליבן שטיין.
הייזער פאַרבן־זיך אין וואַרימסטן צונטער־רויט.
אין אונזערע אידישע פענצטער פליט דער ערשטער שטיין.

# נאָכ'ן פּאָגראָם

דער שווערער, שוואַרצער זייל אויפ'ן בית־עולם אין ביאַליסטאָק
איז דער עדות פון טרויער, וואָס אייביק ברענט
אותיות און נעמען פון קדושים
אויף זיינע פּאָלירטע פיר ווענט.

צו מזרח, צו מערב, צו צפון און דרום
דער זייל פון טרויער צו דורות רופט.
צו דורות און דורות. זיין ברענענדיקער צאָרן
מאָנט דין וחשבון אין דער פאַרגליווערטער לופט.

די בלוטיקע טעג וועלן קיינמאָל אַנטשוויגן ניט ווערן!
עס וועלן ניט אָפּגעמעקט ווערן די נעמען פון די פיר שוואַרצע ווענט.
זיי רופן אין טרויער צו זיך מענטשן פון אַרומיקע וועגן
מיט אומצייליקע פינגער פון הונדערטער הענט.

# דורך דער וועלט

איך גיי אָפּט אַרום — מיין קאָפּ איז אין די וואָלקנס,
מיין אויג צו די בערג, מיין טראָט לעם ים.
אַליין בין איך אַן אָפּגלאַנץ פון אַ ווייטן מאָרגן.
בליט אויף מיין פּנים ליכטיקייט און פלאַם.

פון שטאָט צו שטאָט איך גיי. דורך גרויזאַמע מדבריות.
וויברירט אין מיר די שטילקייט פון זיין־מיט־זיך־אַליין.
פון די שטעט די שרעקלאַכע אַכזריות —
רופט־זיך־אין־מיר־אָפּ, ווי אין דעם ווינט ס'געוויין.

ווען נוייט פון מיינע ברידער עכאָ'ט, ווי אַ שטורעם,
ווערן מיינע שורות צער און אויסגעשריי.
אין גאַנג דעם ליכטיקן צו דעם פרייהייטס־טורעם
מיט ברידער פון אַלע לענדער טראָט אין טראָט איך גיי.

איך גיי אַרום אָט־דאָ. הער־זיך־צו צו אַלעם.
דאָס לעבן זינגט אין מיר, ווי כוואַליעס אין דעם ים.
איך ווידערהאָל געזאַנגען פון פריידן און פון דלות
און איבער מיר צעבליצט־זיך אויפגייענדער פלאַם.

## לידער מיינע

לידער מיינע רוען אויף די צווייגן,
ווי שטילע פויגלען אין אַ זומערידיקן טאָג...
מיטאַמאָל דערוואַכן זיי פון שווייגן,
הויבן־אויף דעם בלויען, שטאָלצן קאָפּ.

ברייט צעעפענען זיי די אויגן,
זיי באַהעפטן־זיך מיט שטראַליקייט און שיין...
און טרינקען אַלץ, וואָס זאָל אין וועג נישט קומען,—
פיין צו פרייד, — ווי בעסטן ווייַן.

זיי לייגן־זיך־אויסרוהען אין שטילע שורות,
ווי אויף בייטן פון אַ צעאַקערט פעלד,—
זיך־אָנגורטן מיט נייעם מוט און גבורה,
צו זינגען מיט דער שיינקייט פון דער וועלט.

## איך גיי אין מיטן וועלט

איך גיי אין מיטן וועלט, איך הער אַ ווייטן קלאַנג,
איך בייַנק און גאַר, עס כישופ׳ט מיך אַ ניגון...
די נשמה פון דער וועלט טראָגט פליגלען פון געזאַנג,
וויגט זיך אין נגינה פון זיך־אַליין־פאַרוויגן...

# צו ניו יאָרק

## דאָס פּנים פון ניו־יאָרק

לייכטער, ליכטיקער געזאַנג.
הייזער־טורעמס הויך און שלאַנק.
הויך אין הימל שלאַנקע קעפּ,
האָדסאָנ'ס וואַסערן — בלויע צעפּ.

העכער, העכער דיינע ווענט.
אַ פּולער בעכער לעבן ברענט.
הויך אין הימל דיינע הענט —
אייזן, גלאָז און גרוי צעמענט.

פענצטער־אויגן צו דער וועלט
אָפן, ליכטיק, ניט פאַרשטעלט.
עס וויברירט דיין שטאָל און גלאָז
אין דעם סוחר און מאַטראָס.

אַלע נאַציעס קוקסטו אָן.
ניט פאַרגעסט דיין אייגן טאָן:
בריקן, סאָבוויי, קאַר, וואַגאָן,
שטאָל און אייזן און בעטאָן.

זינגסטו דיין ליד פון פרייד און פראַכט
אין גאָלדן טאָג, אין בלויער נאַכט.
איבער אַטלאַנטיק און האָדסאָן
אין בריקן, טורעמס אָנגעטאָן.

# ניו-יאָרק

דיין פּנים,
פיל'פּנימ'דיק.
אַכטמיליאָנ'פּנימ'ער, זעכצן מיליאָן אויגן
זעהען דעם האָריזאָנט דיינעם.
דיין קאָפּ,
דער אָדלערשער
אין וואָלקנס.
דיין האַלדז — עמפּייער סטייט, ראַדיאָ־סיטי.

האַרץ דיין
האַרצלאָזער,
אַכטמיליאָנהערצער
קלאַפּן אויס אין דיין מדבר'קייט
דעם ווייגעשריי
אויף ציין פון מאַשינען.
דיין גערויש, —
ווי גערויש פון ים.

דיין אַכטמיליאָניקער אָטעם גייט־אויף,
ווי רויכן פון בערגקעפּ אין הויכן.
דיין ריר
וויברירט מיט שטאָלענעם געפלעכט
איבער די האָדסאָן־וואַסערן.
און די בריקן געצווייגענע,
ווי סטרונעס איבער האַרפן, —
איבער דיין הייסן, שלאַנקן קערפּער, ניו־יאָרק!

ווי שטראָמען אין ים, —
די מענגעס מענשן אויף דיינע גאַסן.
אַלע לשונות פון דער וועלט
וויברירן אין דער לופטן,
ווי ניגונים
פון בעטהאָווען'ס סימפאָניעס.
לעבעדיק
מיט לשונות פון דער וועלט
איז דיין שטים, איז דיין אָטעם, ניו־יאָרק!

# מי

די זון רופֿט דורך די ברייטע פֿענצטער אַ גאַנצן טאָג...
און שיקט שלוחים — הייסן פּורפּור.
און באַגורטלט מיט רויטע פּאַסן פֿרייד
דעם טיש און די מאַשינען.
און קען קיינעם נישט דעררופֿן, קיינעם נישט געפֿינען —
אַרויסצוגיין אין גאַס, פֿאַררייסן דעם פּנים צום הימל,
אָפּעטעמען און זאָגן:
ס'אַראַ זון איך האָב אויף גאַסן היינט געפֿונען!
דער טאָג גלעט די אייגעבויגענע פּלייצעס,
מיט ליכטיקייט פֿאַרפּלייצט זיי.
פֿאַלט־צו, ווי אַ גוטע חבר'שע האַנט צו אַקסלען
און זאָגט:
קום! קום, זע מיך, דעם טאָג, די זון.
איך גיי שוין באַלד אַוועק און דו האָסט גאָר מיך נישט געזען נאָך...
וואָס בין איך אָן דיר? וואָס?
אויב דו מיט דיינע אויגן זעסט מיך נישט, פֿאַרגעסט מיך,
באַוואַונדערסט נישט מיין שיין...
די מענטשן זיצן איינגעבויגן. מאַשינען בליצן — פֿייל פֿון בויגן.
נאָדלען ריימען־אויף די שטילקייט, ווי אַ דונער דעם זומערדיקן וואַלד...
צום לייכטן שטאָף די אויגן צוגעצויגן.
דעם לייכטן גוף אין נייען איינגעבויגן.
ווי דער אייזן צום מאַגנעט — נישט אָפּצערייסן.
און מען הערט ניט אייגן שטים, ניט זיך־אַליין, ניט פֿון דער זון
דעם וואַרעמען הימן...
ניט פֿון אייגן לעבן דעם געוויין, פֿון בלוט און ביין, פֿון אייגענעם געביין.
עס זיצן מענטשן ביי מאַשינען מיט שווערער מי אַרומגענומען.
די זון רופֿט דורך די פֿענצטער אַ גאַנצן טאָג...
און קען די מענטשן ניט דערופֿן...
עס האָבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן די,
ביי וועמען טאָג איז פּלאָג און יאָך און מי, —
די פֿרייד פֿון זון אויף גאַסן.
קלאַפּ פֿון שאַפּ, נאָדלקריץ,
שטאַליקער מאַשינענבליץ
האָט זיך פֿאַרקליבן אין די גופֿים
אַנשטאָט דעם שטילן שטראַל פֿון ליכט... פֿון שיין...

## אַלע נאַציעס

אַלע נאַציעס האָבן דיך געבויט אין שווערער נויט.
מיליאָנען מיילער האָבן דאָ געזוכט דיין ברויט.
הויך און שלאַנק און ליכטיק דיינע ווענט —
ווייס, שוואַרץ און געל דיינע אַרבעטער־הענט.

## ווי וואַרעם בלוט

ווי וואַרעם בלוט דורך אָדערן, שטראָמט דורך דיר, מאַנהעטן,
בראָנקס און ברוקלין, איסט־ריווער און האָדסאָן,
טייכיקע, פּאַרקאָוועטע בראַסלעטן
אויף דיינע אָרעמס אָנגעטאָן.

ווי וואַרעם בלוט, פּאַרפולן דיך די מענשן —
מיליאָנען, פון אַלע עקן וועלט.
אין יאָך פון טאָג דיך שעלטן זיי און בענשן
אויף לשונות אַלע פון דער גאָרער ערד.

# הונגער אין ניו־יאָרק

די רייכסטע, גרעסטע שטאָט איז פול מיט הונגעריקע מענשן!
זייערע פינגער שטאַרצן העכער פון עמפייער סטייט!
און מאָנען ברויט פאַר קריטשעדיגע ציינער,
אין הונגער פאַרביסענע,
און מאָנען ברויט
פאַר מיילער פאַרשמאַכטע!

אַריבער העכסטע דעכער שרייען צום הימל
קאַלטע, הונגעריקע הייזער!
איבער איבערפולטע גאַסן און געפּאַקטע סקווערן
ברענען מיד הונגעריקע אויגן
פון צאַנקענדיגע מענשן, פון קינדער! פאַרבלייכטע
אין נעגל פון הונגער!

די רייכסטע, גרעסטע שטאָט איז פול מיט הונגעריקע מענשן!
אָט דער געשריי פאַרהילכט מיר דער גערויש פון סאָבוויי.
די סאָבוויי זינגט־מיר דעם טאַקט פון הונגער.
הונגער! שרייען און קריטשען די רעדער!
שרייען־מיט־גערויש־אַריין אין אָפענע, זאַטע, טויבע פענצטער...

הונגער!
איבער פרילינגדיקע, איבער זומערדיקע גאַסן!...
הונגער פאַרהילכט מיר אַלע לידער,
אַלע ווערטער, אַלע אויסגעשרייען, אַלע קלאַנגען
און די שיינקייט
פון דער רייכסטער, גרעסטער, שיינער שטאָט ניו־יאָרק!

# אין שורות פון מיין ליד

אין שורות פון מיין ליד דיין געזאַנג נישט אויצוזינגען:
דעם געוויש פון דיינע רעש'דיגע באַנען,
דעם געדראַנג פון דיינע טומלדיקע גאַסן—
דעם אויפגעלאַף פון אַלע הויזן, ראַסן,
דעם עלנט פון דיין טאָג, אַ גרויען, בלאַסן,—
אין שורות פון מיין ליד נישט אויסצוזינגען.

אין שורות פון מיין ליד נישט אויסצוזינגען
דעם געוויין פון דיינע הונגעריקע הייזער,
דעם געזאַנג פון דיינע בריקן, שטאָל און אייזן...
דעם שווערן יאָך פון ווייסע ברידער
און פון שוואַרצן אומעטיקן ניגער—
אין די שורות פון מיין ליד נישט אויסצעוויינען.

אין שורות פון מיין ליד נישט אויסצוזינגען
דעם זיפץ פון טאָג דיינעם, דעם יאָכיקן,
דעם זיפץ פון ברידער ביי מאַשינען,
דעם זיפץ פון אויגן אין באַגינען,
וואָס לויפן דאַרן ברויט פאַרדינען,
זוכן אַרבעט—נישט געפינען...
אין אַ ליכטיקן באַגינען—
פון יעדן טאָג דיינעם, דעם וואָכיקן,

אין שורות פון מיין ליד נישט אויסצוזיפצן,
אין די שורות פון מיין ליד נישט אויסצוזינגען.

# ים

## ים

ים! איך האָב זיך פאַרליבט אין דיין אָנסופ'יקן פּנים,
אין דיינע אומאויפּערלאָכבע רייד.
אין דיין האַרץ, וואָס איז פול מיט אומרו און שלום,
מיט אויפּברויז און שטילקייט, מיט שטורעם און פרייד.

אין דיר, וואָס דו שטרעבסט פון אייביק ביז אייביק.
שלומ'דיג שטרעקסטו צו וואָלקנס דיין האַנט.
לעם דיר ווער איך שטיל און רואיק און גלויביק.
איך, אַ מענש לעם דיין ברעג, צווישן שטערן און זאַמד.

# אויפֿן ברעג

איך שטיי בײַ דעם ים. איך זעה זיין געראַנגל,
איך הער פֿון זיין אָפּגרונט די שטים...
דוכט־זיך־מיר־אויס, איך אַליין ווער פֿאַרוואַנדלט
אין זיין וועל, אין אַ טראָפּן פֿון אים.

אָט שטייג איך אויף כוואַליעס, אָט פֿאַל איך אין טיפֿן,
אָט ווער איך געבוירן, פֿאַרשווינדן איך ווער—
צעשלאָג־זיך אָן שפּיציקע ציינער פֿון ריפֿן...
אָט בין איך נישטאָ מער... און ווידער־איך־ווער...

# ביים ים

געזאַלצענע לופט און געזאַלצענער ווינט.
וויגן זיך שיפן, ווי ביי מאַמען אַ קינד.

שיפן פאַראַנקערט ביים שוימיקן ברעג —
אויסגעזען, אויסגעוועען, וואו נאָר אַ וועג.

מיט ווינטן און וועלן זיך איבער אָפּגרונט געטראָגן,
ווער וועט אונז, די פלינקע, פון אייך איבעריאָגן?

מיר, שטאָלענע, שנעלע, ווי פייל פון דעם בויגן —
דורך נעכט אויף די ימים מיט וואַכיקע אויגן.

איבער תהומען און כוואַליעס לידער געזונגען,
ניגונים געשפונען מיט שטאָלענע לונגען.

הערצער פון ימים אינצווייען געשניטן
און שוימיקע גופים געטראָפן אינמיטן.

שטיל דרימלען שיפן ביים שוימיקן ברעג —
עס דרימלען אויף מאַסטבוימער שטורמישע טעג...

וויגט ים די שיפן ביים זאַמדיקן ברעג,
חלומ'ען שיפן פון ווייטקייט און וועג.

געזאַלצענע לופט און געזאַלצענער ווינט.
וויגט ים זיינע שיפן, ווי די מאַמע איר קינד.

# ביים ים

ס'איז מיר גוט אָט דאָ, ביים ים, ביים ברייטן,—
ווי ס'איז גוט דעם ווינט אינמיטן וועלט.—
איך קען ניט קיינעם צו זיך, קיין צווייטן,
וועלכער זאָל ווילג אַזוי אויפנעמען ווינט און קעלט.

ווייט פון מיר איז היינט דאָס גליק פון שטילע הייזער...
מיין גליק, ווי וועלן, טראָגט־זיך. ווי שוים אינמיטן ים.
ווינטן ווינטערדיגע, בייזע,
רייסן לעבן מיינעם... אָן אַ צאַם.

ניט אַנטמוטיגן וועט איר מיך, ווינטן בייזע!
אויף אומגליק נייעם — מוטיק זינג, מיין ליד.
אָנשטאָט טרערן „יסן — הייסע, הייסע.
פראָסטיג איך מיין שורה... גליהיג אייזן כ'שמיד—

איך רוף אַלעמען: מוטיק זיין און מונטער.
ווייל מוט און מונטערקייט פאָדערט אונזער וואָר:
ווען דאָס לעבן בליצט מיט רויט, ווי צונטער—
העלער, העלדישער זאָל קעמפן אונזער דור.

סאיז מיר גוט אָט דאָ, ביים ׳ים, ביים ברייטן,
ווי דעם ווינט איז גוט אינמיטן וועלט...
ווייל צו אונזער דור, קען איך ניט קיין צווייטן,
וואָס זאָל אַזוי מוטיג קעמפן און ניט גליווערן אין קעלט.

## דער האָריזאָנט...

דער האריזאָנט פאַרפוצט־זיך היינט אין צעגליטע פליגלען
און גיט אַ פייערדיקן טרונק דעם פאַרנאַכטיק־שטילן ים...
צעגיסט זיין ליכט אויף בערג און ווייטע היגלען
און לעשט־זיך־אויס מיט זיי צוזאַם...

## ים

הימל און ווייטקייט. פערלמוטערפאַרבן...
שטילקייט אין מיר. און אַ שטים אויפהעלט...
אין אומעט ווערט גוט מיר ביז אויסגיין, ביז שטאַרבן—
ביים ברעג זיין אַ זעמדעלע צווישן קינדער פון דער וועלט.

# דער ים

פּערל. גאָלד. זילבער און הימל.
וועלנגעוויג. בענקשאַפט און ליד.
צויבער־געזאַנג. געוויג, ווי אין דרימל.
ים און כוואַליעס. ים! נעם־מיך־מיט.

נעם מיך און טראָג־מיך צו לאַנד און צו לענדער,
איך וויל זיין דיין ניגון און זינגען, ווי דו.
אין שימער פון זון לויכטן און בלענדן,
אין אייביקן אומרו זינגען פון רו...

# אייביקע לידער

ברוין איז דער זאַמד ביים פּאַסיפישן ברעג,
אין אַ גאָלדענעם חלום מיין טאָג דאָ פאַרשוועבט.
וואו דער ים איז פאַרוועבט מיט כוואַליעס און שוים —
וויגט־זיך מיין זומער ביים ברעג איבער תהום...

איך שטיי־אויף פאַרפרי דאָ, מיט׳ן גאָלד פון ניי־טאָג,
איך נעם־די־וועלך־אַרום, רעד צום ים און זאָג:
„ים, כ׳האָב־דיך־ליב, נעם־מיך־מיט, כ׳בין, ווי דו...
אין מיין אויג וואוינט דער הימל און איך וויים נישט פון רו.״

צעלאַכט־זיך דער ים און אים ענטפערט די טיף...
דערשפיר איך סכנה, ווי אין שטורעם אַ שיף...
ווענד איך מיין פּנים צום ים און איך פרעג:
„צו וואָס איז דיין שטרעבן? דיך צאַמט דאָך דיין ברעג!...

קומט אַ וועל און צעשיט־זיך אין פּערלען, אין שוים,
קומט־אָן־אַנדערע־אָן און פאַרשווינדט אין תהום...
„געבוירן דאָ ווערן און ווערן צעשטערט —
דאָס איז דער גורל, וואָס איז אונז באַשערט״...

„די כוואַליעס פאַרשווינדן, נאָר בלייבן וועט ים —
ווען די פאַרגייסט, זיינען מיליאָנען פון נייע פאַראַן״...
אַזוי זינגט מיר דער ים אָן אויפהער זיין ליד,
בראשית׳דיג יונג און אויף אייביק נישט מיד...

ביי דעם ברעג פון פּאַסיפיק איז אַ ישוב פאַראַן...
האָב איך זיך פאַראַנקערט, ווי אַ שיפל ביים ים,
צום סוף האָריזאָנט מיינע אויגן כ׳בינד צו,
די אייביקע לידער פון ים הער־איך־צו...

# אייביקער ים

ים, ים, אייביקער ים! איך בין צו דיר היינט געקומען ריידן —
פֿאַרנעמען דיין אייביקן שטרעבן, דיין שטומען, דיין אייביקן וואָרט...
עס איז מיר היינט ענג אין די שטעט, ווייל איך מיט שטאָט היינט
זיך שיידן,
זוך איך ׳לעם דיר, ים, דעם אמת, זוך איך לעם דיר היינט אַן אָרט.

מיינע אויגן ווערן רואיק אין ברייטקייט. ס׳איז נאָנט מיר דיין
אייביקער שטרעבן —
ס׳איז ברייט ווי דיינע כוואַליעס, ים, מיין קליינינקע, מענטשישע האַרץ.
אונזערע שטעט, ווי דו, אָ, ים, קאָכן אייביק מיט מענטשן און לעבן —
פילפאַרביק איז ס׳לעבן ביי אונז... און צייטנווייז נאַכטיקייט־שוואַרץ.

וואָס ווילסטו, ים מיינער, וואָס ווילסטו היינט מיר אָנזאָגן?
ביסטו באמת באַפרייט? אפשר שטיקט דיך דיין ענדלאָזער ברעג?
כוואַליעס און שוימען אין רעש — אין אייביקן, שטראָמיקן יאָגן —
קומען און פליסן צוריק אויף צווישנערדיקן וועג...

פֿאַרנעם, פֿאַרנעם, ים, מיין מענטשישן, צונגישן לשון!
צעוויג אויף דיינע וואַסערן ברייטע מיין פיין און מיין וויי.
מיין אומעט, וואָס לעם דיר, ווערט שטיל, ווי זון, פֿאַרלאָשן.
גייט אויף ווידער אין שטאָט איבער־מיר — אין ליאַרעם, אין הילך,
אין געשריי.

ים, אייביקער ים! איך בין געקומען מיט דיר היינט ריידן —
פֿאַרנעמען דיין אייביקן שטרעבן, דיין שוימיקן, דיין אייביקן וואָרט.
שטיי איך לעם דיר, ים. איך קען זיך מיט דיר ניט צעשיידן:
דיין אייביקער אומרו, ווי מיינער, זוכט און געפינט ניט קיין אָרט.

# פֿאַרנאַכט בײַם ים

די צאַרטע פֿאַרבן פֿון פֿאַרנאַכט
רוהען איבער בערג און ים.
דער טאָג האָט שוין זיין אויג פֿאַרמאַכט
און גייט אין וועג מיט נאַכט צוזאַם.

די וועלן ווערן בלויגעזאַנג,
זיי וויגן שטיל אַן איינזאַם שיף.
זיי גייען זייער אייביק גאַנג —
צו ווייטקייטן, פֿון תהום און טיף.

איך שטיי אַליין ביים ברעג אָט דאָ,
מיין אויג געווענדעט צו בערג אינדערהויך.
איך זינג מיין ליד אין צאַרטער שעה
און ים מיר ענטפֿערט: איך זינג אויך.

ווערט מיין האַרץ ווי וועלן ברייט —
און אַלץ אין מיר ווערט לויבגעזאַנג.
ביים שטילן ים, מיט בערג און ווייט,
אין שטילער שעה פֿון זונפֿאַרגאַנג.

# צעגליטע בראָנז

צעגליטע בראָנז און גאָלד. סאַפּירן און אָפּאַלן.
און די זון שוין גרייט איז צום פֿאַרגיין...
די ליכטיקייט צעשטראַלטע אין שאָטנס ווערט פֿאַרפֿאַלן.
די זון זיך־זעגנט: אָ, ערד מיינע, ביסט שיין!

די אינזלען הילן־זיך אין נאַכטיק־בלויע קליידער.
ווי וואָלקנס ליגן זיי ביים האַריץ פֿון האָריזאָנט.
זיין בלוי־גאָלד־גרינע ליד זינגט דעם ים כסדר
און ביי דעם ברעג אָן אויפֿהער ברוגז עפּעס מאָנט.

מיין אויג איז פֿול מיט יום־טובֿ'ליכט און פֿאַרבן,
מיט אינזלען, בערג, מיט אייביקייט פֿון ים.
אין שטילער שעה, ווען זון איז גרייט צום שטאַרבן,
זע איך: נישטאָ קיין נאַכט. נאָר ליכטיקייט איז פֿאַראַן.

איך שטיי אַליין אָט דאָ. אַ שטילע, ווי אַ וואָלקן.
איבער פּנים מיינעם ווינט זיינע פֿליגלען שפּרייט.
איך זינג מיין ליד צום מענטש פֿון פֿרייען מאָרגן
אין העלער שעה, ווען זון איר ליכטיקייט פֿאַרזייט.

# ים ביינאַכט

רעדט לבנה צום ים אויפ'ן לשון פון זילבער און זויבער,—
בליצן די אויגן פון ים און טרוימען און שוימען פאַר פרייד...
פאַלט די נאַכט אויפ'ן ים און זינגט אין פאַרחלומטן צויבער,
און שענקט אין פאַרליבטקייט דעם ים איר פרעכטיקע שוואַרץ־בלויע קלייד.

שטייט די נאַקעטע נאַכט ביים ברייטן, אומענדלאכן וואַסער,—
שימערן שאָטנדיק שפּיגלען און די וואַסערן מורמלען געזאַנג...
דאָס פאַרבענקטע פּנים פון נאַכט פאַרגייט און ווערט בלייכער און בלאַסער.
טרייסט דער ים די נאַכט מיט אומענדלאַכן אומעט און באַנג.

שיקט די לבנה דעם ווינט. שפּילט ער לבנה'יגע לידער—
צעזייט ער זילבערגעוועב אין נעצן פון ליכטיקן פּענט...
די לבנה, דער ווינט און די נאַכט זיך־טרעפן אין תהומיקן נידער,
זיי האַלדזן דאָס פּנים פון ים מיט טויזנטער בליציקע הענט...

# ביי די שוועלן

איך שטיי ביי די שוועלן פֿון טאָג און פֿון נאַכט.
לויטערקייט, בלויקייט צעגליט זיך אין ראָז...
דער הימל, ווי אין טאָג פֿון בראשית, פֿאַרטראַכט.
דער ים ווידערהאָלט די געזאַנגען פֿון גראָז.

דער פּנים פֿון ים איז אין צווייען צעטיילט.
איין אויג צו דער נאַכט און די אַנדערע גליט.
מיט ליפּן פֿול פֿייער ער זינגט און דערציילט
די אייביקע סודות פֿון שיינקייט און ליכט.

# שטילקייט

איך שטיי איבערן שטילן פּנים פון ים...
זיינע שטראָמיקע ברעמען די אייביקייט וויגט.
צו אומענדלאבקייט שפּרייט ער זיין וואַסערדיג האַנט
און זינגט צו די וואָלקנס זיין אייביקע ליד.

פאַלן מעוועס אויף אים מיט בענקשאַפט אַראָפּ,
שרייען־זיי־אוים פון בענקשאַפט דעם וויי...
שאָקלט דער ים מיט זיין שוימיקן קאָפּ
און רעדט זיין אייביקן לשון מיט זיי.

שטיל איז אָט־דאָ. קיין איין מענשלאבע שטים.
נאָר הימלען און ים, און מעוועס, און איך...
איך שטיי אַ פאַרשטילטע און האָרך־צו צו אים.
שוועבט פאַר מיין פּנים פון תהום דאָס געזיכט...

# צום ים!

דער גערויש פון שטאָט פאַר'רעש'ט מײַנע רייד...
דאָס ליד פון שטאָט פאַר'רעש'ט מײַן ליד...
הויב־אויף דײַן קאָפּ, מײַן בלויע פרייד,
מיר זײַנען יונג, מיר האָבן ליב...

לאָמיר אַוועקגיין צום ברעג פון ים,
לאָמיר אַוועקגיין אין בלויען פעלד—
דאָרטן דערזעהן דעם הימל אָן צאַם,
דאָרט דערזעהן די פיר עקן וועלט.

ביי די עקן וועלט וואוינט דער ווינט—
פון צאַמען פריי, זינגט גרינער ים...
לאָמיר זיך לערנען, ווי צוערשט אַ קינד
זײַן ניט געפּענטעט, זײַן ניט געצאַמט.

דער גערויש פון ים באַפרייט מײַנע רייד,
די וועל וואַשט־אָפּ די זאָרג פון שטאָט...
הויבט אויף איר פּנים, מײַן בלויע פרייד,
שטראַלט־אויף אין מיר און אין מײַן טראָט.

לאָמיר זינגען פונדאַנען צו ווייטע שטעט,
ווי ס'זינגט צום ברעג די וועל פון ים:
ברידער־מענשן! ס'איז קיינמאָל ניט שפּעט
צו באַפרייען דאָס לעבן פון קלעם, פון צאַם!

מײַן אויג קוקט פריי אין ברייטער ווייט.
מײַנע לונגען טרינקען געזאַלצענע לופט...
ווי פליגלען, ווערט מײַן וואָרט באַפרייט
און ס'גיסט זיך אָן מײַן וואָרט מיט רוף.

# מיט אים שפּאַצירט

איך האָב מיט אים שפּאַצירט, ווייל דו ביסט נישט געווען.
איך האָב אויף יעדן איינעם דיין אנגעזיכט געזעהן.

ער איז מיט מיר געגאַנגען און האָט ווי זון געברענט —
פון באַריר דעם קלענסטן פון מיינע קליינע הענט.

רייד האָט ער גערעדט, וואָס גיבן רו און פרייד.
איך האָב זיך גאָרניט צוגעהערט צום קלאַנג פון זיינע רייד.

איך האָב נאָר דיך געזוכט, איך האָב נאָר דיך געזעהן.
איך בין צווישן טויזנטער מיט דיר אַליין געווען.

# אין אַ זומערדיגן אָוונט

דו ביסט צוגעגאַנגען, שטיל געזאָגט: גוט נ'אָוונט,—
האָסט מיר אויסגעשטרעקט דיין צאַרטע האַנט.
האָב איך דערזעהן פאַר זיך רייפע פעלדער קאָרן,
דערהערט פון זאַנגען דעם געזאַנג.

מיר האָבן שפעט שפּאַצירט דערנאָך דורך דער נאַכט דער בלויער,
געזעהן מיליאָנען פייערלאַך פון שלאָפנדיקער שטאָט...
אין קלאַנג פון דיינע רייד האָט זיך־געהילט מיין אויער,
שטיל־איך־מיר געזונגען האָט דיין נאָנטער טראָט.

די נאַכט האָט זיך געטוליעט אין איר שטילסטן אומעט,
בלייכע שטערנס האָבן אָנגעזאָגט: באַלד קומט אַ נייער טאָג.
יעדער איז געוואָרן, ווי אַ העלער טאָג פון זומער—
ס'האָט פרייד געפרעגט אָן ווערטער: האָסט מיך ליב? אָ, זאָג...

# איז גוט

איז גוט דיר אָנטרעפן צום ערשטן, ערשטן מאָל
און טיף אַריינקוקן אין דיינע טיפע אויגן.
דיין שטים צו הערן, ווי אַ ווייטן ווידערקול,
וואָס לעבט אין פרילינגס־וועלדער, ווי אַ זילבער־נעץ פאַרצויגן.

דיין ברוינעם פנים זעהן און טראָגן אים מיט זיך,
דיך אינגאַנצן מיטנעמען אויף איינזאַם־שווערע וועגן.
לויכסט־אויף אין מיר, ווי פיר פאַרטאָג דאָס ליכט,
דו ברייננסט אַ נייעם טאָג, פול פרייד אָן ראַנד, אָן ברעגן.

דיינע הענט — זיי זיינען גוט, און מילד און טראָגן שיין —
זיי ציען־זיך פאַרבענקטע, ווי טונקל־צאַרטע בלומען.
מיט דיר איז פול מיין טאָג, ווי אַ כוס מיט קידוש־וויין,
ווען איך גיי און קלער פון דיר, מיט פיין אַרומגענומען.

# ווייסטו?

דיינע הענט... ווי פון בלומען שלאַנקע בעכערס
זיינען זיי אָפן און צאַרט...
דערמאָנען מיר לייכטע, לופטיקע פעכערס
אין אַ הייסן, זוניקן לאַנד.

ליב איז מיר פון הענט דיינע דער אויסדרוק און די ליניעס...
שטיל און פאַרשלאָסן. שטום.
און די אויגן דיינע ווייטע — סודות'פולע ספינקסן —
נעמען מיך אַרום.

שפעטער אָוונט. איבער אונז די לאָמפן ברענען.
ווייס, אָן שאָטנס, ניכטער שניידט־זיך ליכט.
וואָס פאַר אַ כישוף זינגט אויף־מיר פון דיינע ברעמען?
ווי מיין ליד, פאַר מיר, — דיין אומעטיק געזיכט.

איך זעה נאָר דיך. ביסט ווי זון און בלומען.
און דער נאָמען דיינער — זילבעריק און דין.
דער ווינטעראָוונט ווערט מיר גליהיק זומער,
די ווענט, די קאַלטע — זאַנגענגאָלד אין גרינס.

און דיין שטים — מידער, שפעטער ניגון —
וואַרעמט און שטילט — ווי רו...
איבער מיר אין בלויקייט שטערנוועגן וויגן
ווייטע עכאָ־רופן: דו...

ליב אַזוי אין שטילקייט זיצן דאָ און זעהן דיך...
ווי אין אַ קאַלטן טאָג — זיך וואַרעמען אין זון.
ליב מיט ווערטער שטילע זיך צו דיר ווענדן,
און צוהערן צום ניגון, וואָס זינגט אין מיר דערפון.

ווי צו בלויע בערג — מיינע אויגן ווענד איך,
צו דיר, מיין ליבער. ווייסטו דען דערפון?

# אין שעה'ן שפעטע

אין שפעטע שעה'ן פון דער נאַכט
איך טראַכט פון דיר, איך בענק נאָך דיר.
צו וואָס און ווער האָט דיך געבראַכט
צום שוועל פון מיין פאַראיינזאַמט טיר?

פאַרוואָס איז נאָנט מיר דיין געזיכט?
איך פרעג און וויים עס נישט אַליין...
נאָר כ'ציה צו דיר זיך, ווי צו ליכט,
ווי נאַכט צום טאָג, וואָס וועט אויפגיין.

# פון בוים צו בוים

פון בוים צו בוים ציהענדיק צווייגן,
ווי באַגריסונג פון אונזערע הענט.
געזאַנגען אין שטאַמען ליגן און שווייגן,
איך האָב זיי אין שטילקייט דערקענט...

און וואַסערן שטילע דעם הימל דאָ שפּיגלען.
קיל איז די פרישקייט און טיף...
מיר שטייגן אויף שטעכיקע שפּיצן פון היגלען
אַלץ העכער און העכער אַרויף.

# צו דיר

מיר איז גוט מיט דיר. מיין האַרץ טאַנצט פֿאַר פֿרייד—
און זינגט צו דיר, ווי אין אַ זומערטאָג דער וואַלד.
ווי קוועקזילבער די צייט אַנטלויפֿט.
איך בענק אונזער טאָג, וואָס ווערט פֿאַרלאָשן באַלד.

געזאַנג און לידער. זון און ים און דו.
פֿרוכט און ברויט, און וואַסער, און שיין פֿון בלויען טאָג...
לייכטע הויכע וואָלקנדלאַך זיך טראָגן וואו־ניט־וואו.
רו און לייכטער אָטעם. וואָס דאַרף מען נאָך?

רעד צו מיר. עס זינגט אין מיר דער אומעט פֿון דיין קול.
ער וועקט דעם אומעט מיינעם, וואָס פֿילט מיך איבער,
דיין, שטים, ווי וועל, פֿאַרטראָגט מיך צום ווייטן ברעג אַמאָל,
דיין שטים מיך וויגט, ווי ים... רעד צו מיר, מיין ליבער.

# גוט איז...

גוט איז דיך צו זען לעם זיך. צוריק פון ווייטע וועגן.
הערן דיינע ווערטער, געררייפטע אין דער שטיל.
ווען דיינע טריט, ווי גוטע פריינט, קומען מיר אַנטקעגן—
איז גוט צו קלערן: איצט איז אַלעס, ווי איך וויל.

ליב איז מיר דיין שטילקייט. מיינע ווערטער די פאַרטראַכטע
ציהען־זיך צו דיר, ווי פון בוים די פולע צווייג.
איך הער־צו־דיר־זיך־צו. מיינע אויגן, די פאַרמאַכטע
זעהען דיך, נאָר דיך. בין פול מיט וואָרט און שווייג.

איך זע דיך נאָנט אַזוי. הער רייד, וואָס דו קענסט נישט זאָגן...
ווי שורות לידער לייען איך די שפּראַך פון דיין געזיכט.
איך קלייב־צענויף זיי, איך נעם זיי מיט. כ׳וועל מיט זיך זיי טראָגן,
ווי מען טראָגט אין וואַנדער ביינאַכט אַן איינציק ליכט.

## ווי אין אַ שפּיגל...

ווי אין אַ ווייטן שפּיגל זע איך דיך און זיך איצט
אין אַ פֿאַרנאַכט לעם ים. די וואַסערן,
ווי ווילדע הינט שפּרינגען אונז אַנטקעגן
און לייגן זיך לעם אונזערע פֿיס.
און שוימען,
ווי צעשויבערטע, פֿאַרגרויטע און שנייאיק־ווייסע גריוועס
פֿון ווילדע פֿערד.
מיר גייען שטיל.
איך אַפֿריער,
דו
נאָך מיר.

איך ווענד מיין פּנים
צו דער מערב זייט
און זאָג:
זעסט, ווי שיין
עס איז דער זעגענען זיך...
מענש פֿון מענש דאַרף און זאָל אַזוי אַוועקגיין.

מיט שטילקייט,
מיט געזאַנג.

דו, אַזאַ נאָענטער, דיינע אויגן טונקל.
דיין מויל מיט שווייגנדיקע ליפּן.—
ווערטער פֿאַלן פֿון זיי, ווי בלעטער פֿון אַ בוים אין זומער...
איך קלייב זיי אויף, ווי רייפֿע עפּל.
איך פֿיל זייער טעם, דעם ריח דינעם
פֿון וואָרט דיינעם צו מיר.

מיר שטייען שטיל.
די זון ציילט אירע לעצטע רגע'ס —
אויף איר שפּראַך פון ראָז און וויאָלעט.
דער ים קלייבט־אויף די אפּשייד־פאַרבן
און וויגט־זיי אין זיך,
ווי איך, די ווערטער דיינע איצט.

אַ רגע נאָך... און אַלץ לעשט־זיך־אויס.
ס'ווערט גרוי מיטאַמאָל...
„ווי ווען ליבשאַפט גייט אַוועק",
זאָג איך. געוויען... און שוין. נישטאָ.
דיינע טונקעלער־געוואָרענע אויגן ענטפערן מיר:
יע. „ווי ווען ליבשאַפט לעשט־זיך."
דו שטרעקסט צו מיר דיין האַנט.
דו העלפסט מיר גיין.

מיר זיצן אין אַ צימער. די פענצטער צו דעם ים
פאַרלאָשענעם, פאַרנאַכטיק־שווערן, גרוי־געוואָרענעם.
וואַרעמקייט שטראַלט ווידער־אויף אין דיינע אויגן,
לויכט מיר, ווי קנויט אין אַ לאָמפּ, אין אַן אָוונט שטילן.
מיר זעען איינער דעם אַנדערן
אויג אין אויג. פּנים צו פּנים.

ווי אין אַ ווייטן שפּיגל זע איך איצט
יענעם פאַרנאַכט.
ווייט פון שטאָט.
איך זע דאָס ליכט פון אַוועקגייענדן טאָג,
איבער דעם וועג פון וואַסער. און דיך.
דו בליסט איצט ווידער אין מיר, ווי אַ בוים אין דרום'לאַנד.

## היינט

איך רייס פון זיך היינט אָפּ מיין נאַנטקייט צו אַ מענטשן.
איך שטורעם איבער זיך, ווי אַ ווינט איבער'ן ים.
איך האָב צו דיר געטראָגן מיין ליכטיק־שטילע בענשונג,
מיין ראָזן־רויטן וואָרט, מיין פלאַטער און מיין פלאַם.

טיף־אין־זיך האָב איך געשטאַלט דיינעם געטראָגן,
ווי פרימאָרגן העלער טראָגט זיינע פורפורן און גליט.
פאַרוואָס היינט אַזאַ טאָג? ווער הייסט עס מיר אָנזאָגן —
איך קען שוין מער אַזאַ נישט זיין. איך בין עס ניט.

ווי אַן עכאָ אין אַ וואַלד — געלעבט האָסטו אין מיר.
דו האָסט עס ניט באַגריפן.
ווי אַ בוים, אַ שטילער אין פרילינגדיקן שיין.
היינט שיק איך דיר מיין ווײ, און מיין צער, מיין טיפן —
פאַרוואָס קען איך צו דיר, ווי ביז היינט, שוין נישט זיין?

# שטרענג

שטרענג זיינען דיינע רייד. און די אויגן שמייכלען.
קנאַפּ דיין קאַרגער וואָרט און אומעט אין אים גליט...
פֿאַלט עס אַלץ אויף מיר, ווי שנייען פֿון די הויכן,—
ווערט די בענקשאַפֿט מיינע, ווי אַ בוים צעבליט.

גייסט אַרום־אַליין. אַן ערנסטער, אַ ווייטער.
איך זע דיך נאָך לעם זיך. הער דיינע טריט.
דיינע אויגן בלאָנדזשען, ווי ווינט אין אַלע זייטן.
טונקל־ליכט פֿון זיי אויף זאַכן און אויף מיר זיך שיט.

ליב ווערט מיר מיין שווייגן און מיין שטילער קלערן,
אויף מיינע ליפּן ווערטער הענגען, ווי די פֿרוכטן גרייט...
גוט איז מיר צו וואַרטן שטיל. מיין אומעט פֿול זאָל ווערן,
ווי אַ טייך, נאָך לאַנגן ווינטער, איבער ברעגן ברייט.

# פאָרם און אינהאַלט

באַשאַפן די ערד פון תהו ובהו —
הייסט שאַפן פאָרם פון אינהאַלט.
ערד — פ אַ ר פ אָ ר מ ט ע ר אינהאַלט
פון פאַרמלאָזן תהו ובוהו.

# ביכער

רייען

רעיונות

אין שורות צעגאָסן...

חזיונות נביאישע

חלומ'ען

דורך וואָרט אין וואָר . . .

# מדבר

אין די מדבריות פון
ניו־מעקסיקא און אריזאנא.

ביי דעם מדבר זיך געלערנט שווייגן,
ביי דעם אָדלער — צו זיין אַליין.

## אַ מענש ביים מדבר

עס ליגט פאַר מיר מדבר. אומענדלאַכע ווייטקייט.
זאַמדן און זון. ליכטיקייט. שיין.
אַ וועג, אַ צעגליטע אין בלענדנדער ווייסקייט.
ריחות. פּערפיומען. שמייכל און חן.

אָט־דאָ זיך־פאַרלירן אין דער אומענדלאַכער ווייטקייט...
זיך־צעטויען, נישטווערן, צווישן זאַמדן און זון...—
ווי טויען, צעגייען דאָ אין נאַכטיקער בלויקייט...
אין אַ מדבר'שן אָוונט, פול שרעק און פול זין...

## אויפ'ן שוועל פון מדבר

שטילקייט. אייביקייט. שווייגן. קיין שאָרך...
און אַ וואַרעמער אָטעם פון אומענדלאַכע זאַמדן...
אַ ים מיט שווייגעניש. אַ פאַרשטילטער ים מיט וואָרט...
צוהער. געהער. אָנברעג. אָן ראַנדן...

## בענקשאַפט . . .

אין מדבר אַוועקגיין... דאָרט הערן די שטילקייט.
דאָרט באַגעגענען נאַכט אין טאָגיקן טראָט.
פאַרנעמען דעם מדבר, די גרויזאַמע ווילדקייט.
פון מענשן אַוועקגיין... און אָנטרעפן גאָט.

פאַרלאָרן, פאַרלאָרן־גיין... אין אומענדלאַכקייט. ווייטקייט...
דער מדבר איז מיינער. אַ שטיק פון מיין האַרץ.
איך בין אַליין ווילדקייט, און אויפברויז און מילדקייט.
איך בין זיסקייט און סם. איך בין פרייד. איך בין צאַרט.

אין מדבר אַוועקגיין... דאָרט זיך פאַרלירן...
לויטער זאָל ווערן מיין גוף און מיין זעל.
הערן דעם מדבר. זעהן אַלע קאָלירן...
זיך לויטערן דאָרט... ווערן אמתדיג. העל.

## געלע טענץ

מדבר האָט זיך היינט פאַרקליידט אין געלע שלייערן,
און ווילד פאַרדרייט די זאַמדן אין בייזע, געלע קרענץ,
זיך אַ הייב־געטאָן אויף שטעט מיט שלייערן און ווייערן...
זאַמדן האָבן ווילד געטאַנצט מדברישע טענץ.

## שטורעמט אויף שטעט

שטורעם און זאַמדן האָבן פאַרוועבט היינט די ערד.
דעם הימל פאַרצויגן. פאַרנעפּלט די לופט.
דורך זאַמדן און שטורעם האָב איך דעם מדבר דערהערט.
פאַרנומען פון וויטן אַן אָנזאָג, אַ רוף:
„זאַמדיקע וועגן ליגן דאַן נאָר אין רוה,
ווען בלוי איז דער טאָג, ווען זון איז פאַראַן.
זאַמדיקע וועגן צעוויגן־זיך שטום.
מיט לשון אָן צונג, ווי כוואַליעס אין ים...״
שפּילט שטורעם מיט זאַמדן, — ווינט יאָגט זיי אין טענץ.
איבער שטחים פון מדבר — פאַריאָגט־זיי אויף שטעט.
זאַמד מיט שטורעם, פאַרפלאָכטן אין מעכטיקע קרענץ,
אַ מעכטיקן ליד זינגט. רייד מעכטיקע רעדט.
נאָר ס׳וועט שטורעם זיך שטילן. ס׳וועט אויפגיין די זון...
און בלויער, ווי בלוי, וועט דער הימל דאַן זיין.
דער מדבר וועט קריגן נייעם חן, נייעם זין.
עס וועט רוהען דער מדבר אין אייביקער שיין...

# אויפלייזונג

איך בין מדבר־געוויקס
מיט הענט, וואָס שטעכן,
און אויסגעצויגן זיינען אויף מיילן ווייט...
צו אַלע פיר סוף'ן,
צו אַלע פיר עקן —
מיין רוף וועט שאַלן אַ לאַנגע צייט.

און איך בין ווינט
איבער מדברישע וועגן...
איך טראָג־זיך פון וויטן
נאָך וויטער אַוועק —
צו אייביקע, וויטע, ווייסע שטעגן.
פון מזרח צו מערב ציהט־זיך מיין וועג.

און איך בין מדבר:
קאַלט און גליהיק.
און זאַמדן בין איך.
מיט אַלע — אַליין...
פון סוף צו סוף'ן
זינג און רוף איך.
פון פרי זיין דאָ — ביז שפעט פאַרגיין.

# געבליבן שטיין

ביים טיר פון מדבר געבליבן שטיין...
שטילקייט. שטיל. געוויין. געוויין.
מיט אַלע זיין... אַליין. אַליין.
זאַמדן. זאַמדן. שטיינער. שטיין.

שווייגן. שווייגן. אייביקייט.
שרייען. שרייען. שטים פאַרגייט...
שאָטן. שיין. לויטערקייט.
טויזנט יאָר — קורצע צייט.

שמייכל. שטילקייט. זין און חן.
צווישן שמייכל — שטיל געוויין.
מענש מיט מענטשן — מענש אַליין —
ביים טיר פון מדבר געבליבן שטיין.

# ביים טיר פון מדבר

ס'איז דאָ פֿאַרשאָלטנטקייט אין מדבר.
און תפילות שטילע אָן אַ שיעור...
ס'איז דאָ פֿאַרוואונדערונג און טרויער
און לויבנגעזאַנג, מיין גאָט, צו דיר.

הענט גרינע ציהען־זיך מיט ליבע
צו יעדן קוש פֿון זון און ליכט.
און בלייבן שטעכיק. איינזאַם. טריבע,
ווי מדבר'ס גרויזאַמער געזיכט.

זאַמדן בענקען — שטיל נאָך וואַסער.
אַ יעדער טראָט — בענקט נאָך אַ וועג.
דער טאָג, פֿאַרבענקטער, צעפֿאַלט אַ בלאַסער...
נעכט פֿינקלען, יאָמערן נאָך טעג...

אַלץ איז פֿאַרבענקט. פֿאַרשטילט. פֿאַראייניזאַמט —
צוזאַמען זאַמדן... — און אַליין.
די ליבע שרעקט. דער צאָרן גרויזאַמט.
די שווייגעניש איז שטיל געוויין.

# דער פּנים פון מדבר

צו מיין פאטער
מיט ליבשאפט
מיין געשאנק.

דער פּנים פון מדבר — איז פּנימער טויזנט.
האַרטקייט און מילדקייט. העסלאַך. פול חן.
דער פּנים פון מדבר איז שרעקלאַך און גרויזאַם...
פּנימער טויזנט — און איינער אַליין.

אויף טויזנטער מיילן נאָר קאקטוס און זאַמדן.
שווייגעניש, שטילקייט. אָן אַ סוף. אָן אַ ברעג...
שאַטירונגען טויזנטער. און אַלערליי פאַרבן —
פאַרפלאָכטן, פאַרפלאָנטערט אין שטיינערנע צעפּ.

אומענדלאַכע זאַמדן און מדברישע בלומען.
שפּינען און שלאַנגען אויף זאַמדן און וועג.
פון חלומות פּאַלאַצן... צוזאַמענגענומען
פון זעמדעלאַך קלענסטע. פון מדברשן שטעג.

דער אָטעם פון מדבר... — ריחות און שטראַלן.
פּערפיומען די דינסטע. אין דינסטן געוועב.
עס שמעקט יעדעס זעמדעלע אין קאקטוסן אַלע...
די גאָלדענע זאַמדן און דער זאַמדיקער וועג.

די אויגן פון מדבר...— צעבלישטשעט. צעפינקלט.
מיט שיין און מיט ליכט אין אַ שמייכל פאַרוועבט...
דער קול פון דעם מדבר... סימפּאָניעס פאַרטונקלט,
אין שווייגעניש פאַרחלומטע טויזנטער טעג...

דער פּנים פון מדבר... — פאַרשטיינערטע זאַמדן.
און פליסיקע זאַמדן...— ווי כוואַליעס אין ים.
האַרטקייט און צאַרטקייט. גרויקייט און פאַרבן...
דער פּנים פון מדבר — איז זיסקייט. און סם.

# גאָט'ס טרויער

מדבר! איך געדענק דיינע גרויזאַמע רייד.
דיין שטילקייט און בענקשאַפט, ימים'דיק ברייט.
אויף איין ראַנד טראָגסטו טאָג, אויף דעם אַנדערן — נאַכט,
מיט שטומקייט דו רעדסט, זאָגסט־אָן און דו טראַכסט.
דו ביסט וואַך!

אין שטורעמס דו זינגסט, רעדסט מיט הימלען זיך־דורך,
אין ווייטקייט פאַרבענקטער אָטעמסט מיט פורכט.
מיט זאַמדן און דערנער דו חלומסט פון רויז,
בעטסט הימלען: פאַרשאָלטנקייט מיינע דערלייז...
אָ, דערלייז!

עס איז בענשונג אין דיר און קללה פאַראַן,
מיט סודות פון בראשית איז פאַראַנקערט דיין שפּאַן.
טויזנטיאָריקער עלנט דאָ חלומט פון בלי,
פליגלען פון צייטן זיך שפּרייטן אין פלי
און גליהען.

דיין פּנים איז גרויזאַם, און צאַרט, און פול באַנג —
חכמה צעבליצטע און גיפטן פון שלאַנג.
בויגעוודיק ביסטו, ווי די שטראַלן פון זון,
שיין ווי די גאָטהייט און ווייסט נישט דערפון...
ביסט זיין רום.

מיט זאַמדן צעגליטע באַזינגסטו זיין פּראַכט,
מיט שמייכל פון טאָג יאָמערסט וויסט אין דער נאַכט.
איבער דיר גיסט די זון איר צאַרטעסטן שיין,
נעכט זינגען צעפינקלט אין שטערנשן וויין.
ביסט אַליין! דו ביסט שיין!

מדבר! נישט צום פאַרגעסן דיינע צאַרטסטע רייד.
מיט אָנזאָג און זעאונג האָסטו מיך דערפרייט.
מיין אויג וויגט דיין ברייטקייט, דיין בענקשאַפט — מיין האַרץ.
איך זע נאָך דעם טאָג, דיין נאַכט וויסט און שוואַרץ.
איך זע דיין טרויער... אָ, דו נאַר אַליין ביסט
ווי גאָטסטרויער שיין.

# דער מדבר בליהט

פלאַנצן פאַר'כשוף'טע, אין שטומען באַגער.
זיי בענקען נאָך ליכט פון געטלאַכן וואָרט.
זיי יאָמערן, זיי זוכן, זיי טרעפן נאָר שטער.
דערנענונג און אָפּשטויס. אין ווייטקייט קיין אָרט.

געפלעכט און אומאַרמונג. צוזאַמענגעדריי.
פון שלאַנגישער שלעכטסקייט די חכמה דאָ בליט.
יעדער איינער אין טרויער צעשפּאַלט זיך אין צוויי.
פאַרשאָלטענע ברכה דעם מדבר דאָ היט.

יאָמער און אומעט, טרויער און פרייד.
דערקענונג, דערנענונג, צוזאַמענגעוואוקס.
מיט שטילקייט פון זאַמדן אָטעמען רייד:
צוזאַמען, אַליין, נאָענטקייט, גענוס.

זיך שאַרן, ווי שלאַנג, און וואַקסן, ווי שטאַם,
אויסטאַנצן כישוף'דיג גרינעם געדריי.
פאַרבהאַלטן אין זיך גיפטיגסטן סם.
ריחות צעגיסן, ווי רעגן אין שפּריי.

איבער איינזאַמע זאַמדן זיך־צינדן, ווי ליכט.
זיך־צעבליהען אין רויטן. און בלויען אין בלום.
באַפאַרבן דעם מדבר'שן גרויזאַם געזיכט,—
מיט צאַרטקייט, מיט אימה, מיט אומעט אין שטום.

זיך־שאַרן, ווי שלאַנגען און אויפשטייגן העל —
אין שטאַמען אין שלאַנקע מיט שטאָלץ פון אַ בוים.
זיך פאַרוואַנדלען אין געשטאַלטן, צאַרט ווי אַ זעל,
וואָס טרויערט נאָך הימלען פון פינצטערן תהום.

## ב

זיי שטייגן. זיי פאַלן. זיי ציהען צו זון.
וואַסער באַהאַלטן — נישט ווערן פאַרברענט.
מיט וואונדער פון ליניעס צו אונז רעדן שטום —
מיט אויסשטרעק פון שטעכיקע פינגער און הענט.

מיט בענשונג און שיינקייט זיך פרייען אין שטיל.
קללות פון וויסטעניש באַהאַלטן אין זיך.
און לעבן, און בלייבן, און זאָגן: איך וויל —
צו אייביקייט ווענדן מיין גרינעם געזיכט.

אין איינזאַמקייט זינגען. זיך דרייען, ווי שלאַנג.
זיך טוליען צו זאַמדן מיט שטעכיקע הענט.
פאַרבלייבן אויף אייביק אין מדבר, ווי קלאַנג.
נישט פאַרשטאַנען פון קיינעם. פון קיינעם דערקענט.

## ג

פלאַנצן פון מדבר! איך האָב אין בלי אייך דערקענט.
אייער יאָמער פאַרנומען. אייער עלנט דערזען.
דער שטילער געזאַנג פון אייערע בלוי־גרינע הענט
דערציילט צאַרט פון דעם דורשט און דעם מדבר'שן ברען.

פון צאַרטקייט און גרויזאַם. פון געיאָמער אין שטיל.
קיין וואָרט און קיין שאָרד, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.
געראַנגל נישטאָ מער. שיינקייט פאַרהילט
דעם סוד פון געדודען און זיין גלוטיקן ברען.

נאַכטישע שרעקן און די שטראָמען פון טאָג,
געוואָי פון קאַיאָטעס און שפרונגען פון שלאַנג...
גאָטסטרוויער און פרייד, זיין געבאָט און פאַרזאָג —
בליהען אין די פלאַנצן אין מדבר'שן גאַנג.

## נאָנט

נאָנט איז מיר בענקשאַפט און עלנט,
און איינזאַמער, מדבר'שער טראָט.
פאַלט מיין דורשטיקער גומען אויף וועגן,
וואו ס'ברענט צאָרן און דאָרן און גאָט.

## דורך מדבר

איך גיי אַליין דורך מדבר־טירן.
דער וועג איז האַרט. זאַמדן, שטיין.
וואוהין ער זאָל מיך נישט פאַרפירן —
איך ווייס: איך וועל ביז'ן סוף דערגיין.

קומען וועל איך צו העלע ראַנדן,
צו הויכער לאַנד, וואָס שיינט און בלויט.
פון שטיין און גליהענדיקע זאַמדן
מיר זיינען סודות אָנפאַרטרויט.

# צוריק פון מדבר

שטיינערנע ווענט אַנשטאָט מדבר
דערזעהען מיינע אויגן אַרום...
כ'גיי איבער שטאָט און איך זינג נאָר
מיין ניגון פאַרשטילטן, מיין שטומען...

מיינע אויגן זעהען נאָך דאָרן
און גרינעם יאָמער פון הענט:
פאַרשאָלטענער, מדבר'שער צאָרן
אויף שטיינער, אויף שטאָטישע ברענט.

עלנט יאָמערט, ווי וואָי פון שאַקאַלן—
צווישן שטיינערנע ווענט פון דער שטאָט...
ווי אין מדבר, ווערט רוף דאָ פאַרפאַלן,
ווי אין זאַמד, ווערט פאַרלאָרן מיין טראָט.

# נאָנטער מדבר

עס שמעקט מיט ווינט, מיט זאַלץ, מיט האָניק,
מיט רויטע ראָזעס און מיט ים.
דער מאַטער טאָג קוקט בלוי־לבנה'יק.
ער גיסט־מיך־אָן מיט בענקשאפט־סם.

עס ציט מיך ווידער ווייט אַוועקגיין.
זען נייעם הימל, מדבר־בליט.
אָ, פארוואָס וויל איך אָפט אליין זיין ?
צום דאָרן פירן מיינע טריט ?

דאָ שמעקט מיט ווינט, מיט זאַלץ, מיט האָניק,
מיט רויטע ראָזעס און מיט ים...
זינגט מיין בענקשאַפט בלוי־לבנה'יק.
דער נאָנטער מדבר טריפט מיט סם.

# עס וואַרטן די מדבריות

אין די גרויזאַמע מדבריות האָב איך געזען—
ערטער, גרייט אויפצונעמען נייע מחנות,
ווי אָרעמס מוטערלאכע האָט עס אויסגעזעהן.
פול שטילקייט. אָפּרו. רחבות.

דער מדבר האָט גערעדט צו מיר אויף לשון פון שטיין:
דו זעסט? איך גרייט־זיך. איר וועט קומען—
פון אייערע שטעט וועט איר זיך לאָזן גיין
אין מחנות. מיט שרעק פאַר מענשן אַרומגענומען.

עס וועט רעגענען מיט שטאָל אין יענעם טאָג
איבער אייערע פּרעכטיקע שטעט, איבער די קעפּ פון אייערע טורעמס.
איר וועט זוכן אַ באַהעלטעניש אין דעם טאָג פון פּלאָג
און נאָר ביי מיר געפינען באַשיצונג פון דעם שטורעם.

יאָרטויזנטער האָב איך פון זעמדעלאַך געבויט
פאַר אייך מיינע אַמפיטעאַטערן, פּאַלאַצן און טעראַסן.
פאַר אייך אַ שוץ פון שלאַכטפעלדער, פון גרויל,—
וואָס וועט טאָג און נאַכט לויערן איבער אייערע גאַסן.

איך האָב געזען אין מדבר יענעם ווייטן־נאָנטן טאָג.
געזען די מענשן פון די שטעט, אַנטלאָפענע פון צאָרן.
מיליאָנען האָב איך געזען. געהערט דעם רעש און קלאָג
איבער אַ וועלט, וואָס איז געווען און איז חרוב געוואָרן.

געווען זיינען די מענשן אין לייוונטן געקליידט.
איינער איז געשטאַנען — ירמיהו'דיג זיין פּנים,
ברייטע, שטומע הימלען האָבן זיך געשפּרייט
אין פייערדיקן רויט מיט וואָרנונגען: סכנה.

מדבר האָט גערעדט צו מיר און איך האָב צוגעזען—
די הוילן און די טרעפּ, וואָס וואַרטן אויף מחנות מענשנקינדער.
שאָטנס שטייען ביי די זייטן אין גלי און ברען
און ווייזן־אָן די וועגן מיט שטילע, לייכטע פינגער.

# אזוי ווי איך בין

## מיר און אונזער ליד

פון אונזער פיין פלעכטן מיר ביכער
אין וואַנדער איבער גאָרער וועלט.
מיר טראָגן־זיך, ווי זאָמען אין וויכער,
פון שטראַליקייט נייער באַהעלט.

ס'ווערן אונזערע לידער געבאָרן
אין עלנט פון אַ שפּעטער שעה...
זיי לעבן אין מרחקים פאַרלאָרן,
ווי פּלאַנעטן, וואָס אָטעמען בלאָ.

מיר זינגען־אוים טויזנטיאָריקן אומעט,
פון חלויז די פרייד און בירא —
ביי אַנטפּלעקונג צו אונז איז געקומען,
ווי צו משה'ן די זעאונג פון גאָט...

# איך בין אַ גאַסט

איך בין אַ גאַסט ביי דיר, אָ, ערד מיין!
ווי יעדער בוים און שטילע בלאַט.
דיין ברויט געגעסן, פאַרזוכט דיין וויין
און דעם טעם פון ביטערניש צו־זאַט.

איך וויים, איך בין אַהער געקומען —
זיין און גיין, ווי אַלץ פאַרגייט.
מיט נויט און פיין אַרומגענומען,
ווי קערנער האָב איך מיין ליד פאַרזייט.

און כ'האָב געזונגען מיין לייכטן אָטעם,
ווי ס'זינגט דער ווינט אין פרייען פעלד.
מיינע טעג פאַרגייען, ווי זון אין שאָטן,
ווי אַלץ און אַלע אויף דער וועלט.

מיין ליד טראָג איך ווי אַ תפילה,
צום מזבח אַ ווייסן לאַם.
איך דאַנק פאַר טעג, ווי טויבן שטילע,
פאַר טעג פול פייער און פול פלאַם.

איך בין אַ גאַסט ביי דיר, אָ, ערד מיין.
וועל איך אַוועקגיין אין באַשערטער שעה.
ווען עס וועט מיין כוס איבער ראַנדן פול זיין
מיט גליק פון אָטעמען אָט דאָ...

# עס איז טאָג אַרום מיר

עס איז טאָג אַרום מיר... ווען ס'איז פינצטער די נאַכט...
אַ שטראָמיקע בלויקייט מיך רינגלט אַרום.
מיט אָפענע אויגן, מיט האַרצן דערוואַכט —
פאַרנעם איך דעם לשון פון שטילקייט און שטום.

די נאַכט איז אַ הויכע. ביז די הימלען איר קאָפּ,
אירע טונקעלע טריט זיך־טוליען צו ערד...
ווען איר שטים שווימט פון שטערן אויף בוימער אַראָפּ, —
דעם זוניקן זינגען פון ספערן איך הער.

אין דער טונקעלער נאַכט, אין דער פינצטערער נאַכט
מיך רינגלען אַרום בלויע קרייזן פון ליכט...
טאָגיקייט זעה איך נאָר. דאָס פינצטער דערוואַכט...
און שטראַליקייט בלענדיקע קושט מיין געזיכט.

# דערמאָנט

מיינע יונגע יאָרן זיינען אויפגעשוואומען
און זיי רוישן, ווי אַ פרילינגדיקער וואַלד.
ווי קינדער אייגענע מיך אַרומגענומען,
צוגעפאַלן צו מיין האַלדז.

האָב איך זיך דערמאָנט, ווי אַלץ איז שוין געווען,
ווען מיין יוגנט האָט, ווי קאַרשנבוים געבליט,
און אין גאָלד־און־זילבער אָנגעטאָן געזעסן
איז לעם מיר דער קערפער פון מיין ליד.

## געבוירט פון ליד

טוט אַ צאַפּל אַ וואָרט.
טוט אַ פלאַטער אַ שורה.
עס צינדט־זיך אַ וואָרט אָן אַ וואָרט.

עס זינגט־אויף אַ זוניקע צורה
פון אַ לאַנג־שוין־פאַרגעסענעם אָרט.

קומען זכרונות מיט אומעט,
מיט לויטערער שיין אין די הענט.
שטייט־אויף מיין ליכטיקע קינדהייט פאַראומערט
און וואַרפט ליכט אויף די ווענט.

קומען געשטאַלטן פון ליבע געזיכטער,
בליט־אויף מיין ווײ און מיין פּיין...
איך גיי דורך דער וועלט, ווי דורך אַ וואַלד אַ געדיכטן,
צו דורכלויכטן, צו אייביקער שיין.

קומען זכרונות מיט אומעט, מיט שטילן —
פון לאַנג שוין פאַרגעסענעם שטעג.
עס מאָלן־זיך יאָרן, ווי קערנער אויף מילן.
אַלץ נענטער און נענטער דער ברעג...

טוט אַ צאַפּל אַ וואָרט.
טוט אַ פלאַטער אַ שורה.
עס צינדט־זיך אַ וואָרט אָן אַ וואָרט...
פלאַמט־אויף אַ זוניקע, ליכטיקע צורה
פון אַ לאַנג־שוין־פאַרגעסענעם אָרט.

# צו די דערפינדער פון טינט און פּאַפּיר

אין שלאָפלאָזע נעכט און אויף טאָגיקע גאַסן,
ווען שלאָף איז פונוויטן און עלנט איז נאָנט —
בענשט אייך מיין האַרץ, שאָטנס, איר בלאַסע,
ווי נעמען פון נאָנטסטע מיין מויל אייך דערמאָנט.

עס וואַרט אויף מיין טיש אַ ליכטיקער בויגן,
גרייט צו פאַרנעמען מיין אומעט און פרייד...
ווי אַ חבר אַ גוטער, מיט קינדערשע אויגן —
זאַפּט און באַהאַלט ער מיין סוד, מיינע רייד.

אין לאַנגע נעכט לויכטן אונז אותיות
מיט שוואַרצן פייער פון ווייסן פּאַפּיר, —
פון ווייטער פאַרגאַנגענהייט זיינען זיי עדות,
ווי אין לאָמפּן דער קנויט, זיי לויכטן פאַר מיר.

אַ גרוס און אַ דאַנק אייך, מענטשן איר ווייטע!
געמאַכט האָט איר קלאָר אונז דעם סוד פון פּאַפּיר
און סוד פונ'ם טינט — פון שוואַרצן אויף ווייסן:
דעם וואונדער פון וואָרטיקן, שוואַרצן באַריר!

מיט אותיות, מיט שוואַרצע — שרייבן, פאַרשרייבן
שורות פון לעבן און בשורות פון טויט...
מיט אותיות פון ווערטער דעם טרויער פאַרטרייבן,
פאַרקערפּערן ווערטער, ווי טייגן אין ברויט...

און רופן אונז האָפעדיק אויף וועגן נייע,
ווייזן מיט ליכטיקע פינגער אַ לאַנד,
וואו עס גייען מענטשן אין מחנות באַפרייטע
מיט אַרבעט געפּאַנצערט איז זייער האַנט.

אין שלאָפלאָזע נעכט און אויף טאָגיקע גאַסן,
ווען שלאָף איז פון ווייטן און עלנט איז נאָנט,
בענשט אייך מיין האַרץ, שאָטנס איר בלאַסע,
ווי נעמען מיר נאָנטסטע מיין האַרץ אייך דערמאָנט.

## צו סערגעי יעסענין

ווער וועט באַזינגען איצט דיין ערד?
די שנייען, דעם ווינט דעם קאַלטן?
ווער האָט דעם צער פון הונט דערהערט,
דעם וויי פון דער קו, דער אַלטער?

פאַר ווער וועמען נאָך געוועז אַזוי קלאָר
דער לשון פון שטילע בעריאָזעס?
ווער וועט באַזינגען איצט די וואָר
אין סטראָפן צאַרטע, ראָזיק?

ווער קען נאָך גוט אַזוי, ווי דו,
דאָס ליד פון קאָרן אויף פעלדער?
די שטילע, טיפע, גרינע רו
פון הונדערשטימיקע וועלדער?

דו האָסט דערזען מיט אויגן בלוי
וועלטן אַריבער די וועלטן...
אין דימענטענעם מאָרגנטוי —
פון אינאָניאַ די געצעלטן.

צו אַלץ, וואָס שיין און טיף און ליב
האָט דיך דיין אומעט געצויגן.
אַראָפּגעזונגען פון דיין ליפּ
דאָס ברוין פון מיידלשע אויגן...

אויף אַ ווילע איז אַ פרעמדע לאַנד
דיר געוואָרן ליב און טייער...
שעהערעזאדא'ס ברוינע האַנט
האָט דיך געצונדן, ווי אַ פייער.

איך זע דיינע אויגן בלויע. דיין קאָפּ —
אַ פעלד מיט פרישע זאַנגען.
דו אַליין — אַ גאָלדענער סנאָפּ
פון לידער און העלע געזאַנגען.

צו וואָס האָסטו איבער דיין יונג-ראָז וועלט
אַ שטריק אַליין פארצויגן?
אָנגעגאָסן מיט קבר-קעלט
דאָס ליכט פון די בלויע אויגן?

די איוועס, וועלכע דו האָסט געליבט,
וויינען מיט ביטערע טרערן...
סאָסנעס, בעריאָזעס, לבנה'ליכט
באַקלאָגן דיין פריהען נישטווערן...

עס וויינט די שאָף, דער פעלד, דאָס גראָז
און אין שטאַל די ווייסע קעלבל;
דער ציטעריק־פלינקער ווייסער האָז
און דער יונגער, נאַרישער פערדל.

אָ, ווער, ווי דו, באַזינגט איצט דיין ערד?
איך זע דיין קבר דעם קאַלטן.
עס וויינט דיין רויטער פאַר'יתומ'טער פערד,
דיין הונט און די קו, די אַלטע...

# צו פּושקינען

שענק מיר, פּושקין, דיינע ריש'ן
פֿאַר דעם רויש פֿון מיינע שורות.
שענק מיר, פּושקין, דיינע שינ'ען
פֿאַר דער שטילקייט פֿון מיין ליד.

דיין שטאָלצער קאָפּ אַריבער סקווערן,
דיין פּנים אין האַרצן פֿון שטאָט.
מיר דאַכט, ווערסט באַלד לעבעדיק ווערן.
נעמסט שפּאַנען מיט זינגעוודיג טראָט.

באַרירסט ווידער די סטרונעס פֿון האַרפֿע,
טרינקסט דעם וואונדער — האַרמאָניע־געטראַנק.
טרערן געזאַלצענע, שאַרפֿע
זיך פֿאַרוואַנדלען אין ליד אין דיין האַנט.

דיינע אויגן צו ווייטקייט געווענדעט...
דו זעסט? עס איז פֿריי שוין דיין פֿאָלק.
ער האָט זיך זיין גורל געענדערט,
ווי דו האָסט אַליין עס געוואָלט...

פּושקין! איך שטיי לעם דיין דענקמאָל.
ביסט בראָנז איבער קאַלטן גראַניט.
מען פֿאַרגעסט נישט דעם וועג צו דיר קיינמאָל.
עס לעבט נאָך דער קלאַנג פֿון דיין ליד.

# ווען איך הער די סימפאָניעס פון בעטהאָווען

מאַעסטראָ אַרטוראָ טאָסקאַניני
אַ דאַנק.

סימפאָניעס אייביקע, ווי ווינט, ווי ים,
אָ, הערט־נישט־אויף! אָ, הערט קיינמאָל נישט אויף!
דורך אייער געזאַנג איז דאָס לעבן אייביק פלאַם.
דער מענש אַזוי דערהויבן, גרויס.

אַלעס, וואָס איז גרוי און בייז און האַרט,
אַלעס, וואָס איז נאַריש, מיאוס, קליין,—
שלאָפט איין. און ווערט פאַרוואַנדלט אין צאַרטסטן צאַרט,
ווערט צעוואַקסן גרויס און שיין.

אונזער טרויער טיפער, אונזער מענשיש פיין און צער,
אונזער שטיל, נישט אויסגעוויינט געוויין,—
ווערט אַ זינגענדיקע נשמה פון אַ קוואַל,
אין געזאַנג פון ימים, נישט אַליין.

אָ, קלאַנגען! שיינקייט, רו און שטילקייט, הערט אַרום מיר נית אויף!
די וועלט ווערט אָרימער, ווען אייער שטים איז מער נישטאָ.
פרעמדער ווערט מיר מיין אייגן הויז,
גרויער ווערט פאַר מיר מיין בלויסטע שעה.

## צום ליד

זינג, מײַן ליד, װעגן מיר דעם אמת.
זינג, מײַן ליד, װי עס זינגט מײַן האַרץ,
װען איך שנײַד איר, װי פֿון ברױט אַ פּענעץ,
װי אַ בליץ צעשנײַדט הימלשװאַרץ.

װיפֿל מאָל האָב איך מײַן װײ אין שורות
אױסגעזונגען, װי איבער אַן אײגן קינד.
ליד מײַן, גורט־זיך־אָן מיט גבורה,
מיט פֿליגלען שטאַרקע קעגן װינט.

# דער צוג פון סודות

דעם פּאָעט א. ליעסין.

ס'אַראַ שטילקייט, ס'אַראַ אומעט אין דעם ליד.
אַזאַ בענקשאַפט אין דעם לויטערן געזאַנג.
אַ העלער טאָג איז אָונטערזון שוין קניט,—
זינגען ליכטיק די טריט פון זיין גאַנג.

אייערע געזאַנגען צוגעהערט, דערהערט.
אייער וואָרט דעם פולן, כ'האָב פאַרנומען.
עס צעגיסט־זיך אַזאַ אָונטערוויטקייט איבער ערד,
ווי רויטער וויין אויף דורשט פון גומען.

ווי פויגלען, די שורות פון מיין ליד.
זיי זינגען־אוים מיין אומעט אין אַ ניגון.
איך זאָג: אייער טאָג אין העלקייט גליט.
ס'שטייגט אייער טאָג אויף הויכע שטיגן.

# אין לעצטן גאַנג

(לאה׳לען)

קאַלט איז די מאָסקווער נאַכט.
דער פראָסט ניט געשלאָפן, געוואַכט.
הייזער און גאַסן באַוואַכט
בריליאַנטענע שנייען געבראַכט.

איבער׳ן ברייטן מאָסקווער שניי,
אין וויי אויף פאַרשנייטן שאָסיי —
געגאַנגען איז מאַמע אין ווינט
דעם לעצטן גאַנג מיט איר קינד.

# פון ווייסן יום־טוב

כ"ח תמוז, תרפ"ד

אָפּגע'יום־טוב'ט אונזער גרעסטן יום־טוב...
דער ערד דאָס בעסטע אָפּגעגעבן.
דער ווייסער, פרישער, בלאַנקער שניט
ועט בלאַנקען איצט אַ גאַנצן לעבן.

צוריקגעקומען אַהיים, אַהיים.
צוריק אַהיים פון ווייסע וועגן.
האַלדז געשניטן אין געוויין.
נישטאָ קיין ווערטער מער צו רעדן.

ס'איז יום־טוב'דיג ביי אונז אין שטוב.
ס'איז דאָך היינט גאָר ערב שבת.
די היים איז קבר'דיגע גרוב.
ווייסע פינגער נעמען חלות...

# ווי האָניק

מיט האָניק און פּיין טריפֿן ווערטער:
מיין ווייַ זינגט אין מיין ליד...
מיט אים, ווי מיט אַן איינציק־באַשערטן,
האָב איך אויף אייביק מיין גורל פֿאַרשמידט.

אין ווינטן איך גיי, אונטער שלאַקסן.
איך גיי נאָך אַ שטים פֿון אַ קלאַנג...
ווי צווייג אין שטאַם איינגעוואַקסן—
איז מיין לייב אין לייב פֿון געזאַנג.

# אַ באַרג פּיין

עס לעבן די ווערטער, ווי וואָר פון דעם טאָג,
זיי אָטעמען מיט'ן זעלביקן אָטעם;
זיי פרייען־זיך שטיל און קלאָגן מיין קלאָג —
מיין פּיין רוט אין ליד, ווי ליכט אין זיין שאָטן...

אַ באַרג פון פּיין שטראָמט־אַריין אין די שורות פון ליד —
און יאָרן פון לעבן און שטערבן...
העלך־אויף אין די ווערטער פייער און ליכט,
און אָדערן בלויע זיך־וועבן.

# צווישן בערג און פּאַלמען

לעם בלויע בערג און שלאַנקע פּאַלמען,
לעם גרינעם, דאַרן קיפּאַריס —
ווי אַ שיף ביים ברעג פאַראַנקערט...
אין ווינט איך וויג־זיך, ווי אויף בוימער נים.

איך זעה פון בערג די מילדע שפּיצן,
עס אָטעמט שטאָט אין בלויען טאָל...
צו ערד איך פאַל־צו אין פּיבער זיסן,
דערהער פון ווייטקייטן אַ קול.

בערג זינגען מיר פון מאָרגנס ווייטע,
און פון מאָרגן מיינעם, זוניק־רויט...
כ'פאַרנעם די שטים... אין פיין געלייטערט —
אויף וואָרט וואַרט איך, וואָס וואונדער זייט.

# דורך אַלדאָס בייז

דורך אַלדאָס בייז, וואָס איז געווען,
גייט־אויף פֿאַר מיר אַ נייע ליכט.
כ'האָב וואונדערלאכעס־וואָס דערזעהן
אין לעבנס גרויזאַמען געזיכט.

עס זאָגט מיר אָן דאָס בלאָ פֿון טאָג —
אויף האַרפֿן לויטער זוניקייט:
נעם־אויף, נעם־אויף אי פרייד, אי פּלאָג...
סוועט שטורעם שטיל אין אייביקייט.

דאָ שמעקט מיט זון, מיט גראָז, מיט ערד,
שמייכל שטראָמט פֿון באַרג'ס געזיכט...
כ'האָב וואונדערלאכער־וואָס דערהערט
פֿון נייעם טאָג, אין שיין, אין ליכט...

עס קומט פֿון באַרג אַ שטילער ווינט,
ער פֿליסטערט עפּעס ווייך און שטום.
ווי צו די ערשטע רייד פֿון ערשטן קינד —
הער־איך־צו צו אַלץ אַרום.

# ווי־ווייטאָג

אין שטיקער פאַלן די אויגן פון מיין קאָפּ...
מיין מוילווערט שטיל און שטיל... און שטילער.
איך שנייד מיין נשמה, יעדערן אַ פּענעץ.
איך שנירל מיינע פּערל אויפ׳ן האַלדז פון אייביקייט.

# עכאָ

איך פאַרשפּעטיג ניט צו קומען, ווען מען רופט מיר:
וואַך בין איך צום נאָנטן רוף!
נישטאָ פאַר מיר קיין טאָג, נישטאָ קיין נאַכט מער:
צו איינשפּאַנען אין וועג מיין גוף.

כ'בין שטענדיג גרייט פאַר העלע רופן:
צו טאָג, צו נאַכט, צו נאָנט, צו ווייט,—
איך־הער־זיך־צו צו אַלע סופ'ן—
איך קום צוגיין צו רעכטער צייט.

איך קום צוגיין מיט בשורות גוטע,
איך טראָג מיין האַרץ, ווי ליכטיג שיין—
איך קום אין עלנטע מינוטן—
צו אייך— איר זאָלט ניט עלנט זיין.

איך שפּאַן מיט שנעלע שריט פון ווייטן...
איך הייל דורך נאַכט, קום אָן מיט טאָג—
מיט ווערטער רואיקע, וואָס ווייסן—
איך קום נאָך רואיקער... איך זאָג:

איר זייט ניט אַליין אין אייער עלנט,
ניט אַליין — אין לאַנגער נאַכט:
נייער טאָג איבער אונז צעהעלט זיך—
כ'האָב נייעם טאָג מיט זיך געבראַכט...

איך קום צו אייך. פון ווייטע ווייטן—
איך קום צו אייך. אייך נאָנט צו זיין.
איך קום איצט עמיצן פאַרבייטן—
ווי ס'קומט נאָך נאַכט טאָגיק שיין...

# מיט אַנטציקטע אויגן

מיט אויגן אַנטציקטע זעה איך די וועלט,
צו דער שטים פון שטילקייט האָרך־איך פּאָרכטיק־צו...
ווערט מיין האַרץ ווי ים ברייט און עפּעס אין מיר קוועלט,
ווי דער גאָלדענער הימל, וואָס זינגט דער זון פון רו.

שנייען זינגען זילבער פון די שפּיצן בערג,
גרינע הענט פון בוימער בעטן שטיל אין טאָל.
איבער וועלט דער גאַנצער עפּעס נייעס יערט —
היינטן וויגן מאָרגנס אויף אַ בלויער שאָל...

# צום וואָרט

איך האָב ליב צו פּרואוון ווערטער אויפ'ן גומען,
צו קושן וואָרט און האַלדזן, צו טרינקען אים ווי וויין —
איך שטיי אינמיטן וועלט, פון קלאַנג פון וואָרט באַנומען...
פון פיין פון זיינעם, פון זיין צער און שיין.

עס איז מיר גוט דעם טיפן ווײ צו וויגן אין די שורות,
און אים פאַרוויגן, ווי אַ מאַמע וויגט איר אייך־און־אייניציק קינד.
אָט ברייגנט דאָס וואָרט מיר כישופ'דיקע בשורות —
אויף פליגלען אייביקע פון ווינט.

# האַרבסט

סעפּטעמבערדיקע לויטערקייט אויף בערג און ביימער,
דורכזיכטיק און דופּטיק די לופטיקע ווייטן...
עס זינגען מיינע שריט און עס הערט נישט קיינער...
איך וואַנד די אויגן מיינע צו דער וועלט'ס פיר זייטן.

און וואָס איז, אַז די ערד זינגט מיט־מיר מיין ניגון ?
וואָס איז, אַז די ווייטן ליגן ברייט און אָפן ?
צי קען דען ערד מיין אומעט און ווי מיינעם פאַרוויגן ?
צי קען־זיך־דען צוריקקערן דאָס, וואָס איז פאַרלאָפן ?...

# אָקטאָבער

די נאַקעטע צווייַג טרייסלט־אָפּ פון זיך די לעצטע געלע בלאַט.
אין דער בלויקייט פון דעם טאָג אָטעמען געלע טויען. . .
די ערד צערייסט איר קלייד פון גרינעם זומער־זאַט,—
האָרכט־צו דעם ליד דעם נייען פון האַרבסט־ווינטן וואָיען.

ווי שאַרפע רוקנביינער סטאַרטשען פעלד און בייט.
פאַרגעלט, פאַרבלאַסט ציט־זיך אַ וועג אַ ווייטער.
און דער ווינט מיט שאַרפן אָטעם ווייעט
און שפּרייט געוועבן קאַלטע און דימענטענע שייטערס.

איך גיי אַרום אָט־דאָ צווישן גאָלדגעוועב פון האַרבסט.
איך זע די ערד, דעם הימל אין אָקטאָבערדיקע קרוינען.
איך זע די רויטע וואָלקנס און פון זון דאָס האַרץ,
דאָס פרייע ליד איך הער פון ווינטן איבער פליינען.

# ליכטיק

איך בין אַזאַ ליכטיקע היינט,
ווי דער עפּלבוים לעם מיין פענצטער אין בליט.
ווי דער פרילינגדיקער קאַרשנבוים
אין ווייסן, אין ראָזיקן צוויט.

איז מיין אויג אָנגעגאָסן מיט פרייד,
ווי מיט טויען אין פרילינג די ערד.
עס זינגען שטיל אין מיר דיינע רייד,
וואָס כ'האָב היינט פון דיר נאָר געהערט...

# האַרבסט

לויטערע אָוונטן, מונטער פרימאָרגנס.
די זון שיינט פונוויטנס קאַלט.
עמיצער שאַלט שוין אין הילכיקע האָרנס:
ווינטער קומט, ווינטער קומט באלד . . .

די גערטנער און וועלדער אויף־זיך אָנגעצויגן
מאַנטלען פון קופער און גאָלד.
זיי קוקן מיך אָן מיט בראָנז־רויטע אויגן,
זיי וואָלטן מיך גריסן געוואָלט.

אָן ווערטער איך רעד צו די ציטעריקע שטאַמען,
צווישן סאָסנעס א סאָסנע כ'בין היינט.
מיין פנים איך טוליע צו זיי, ווי צו מאַמען.
זיי ווייסן, איך בין זיי אַ פריינט.

איך שטרעק מיינע הענט צו די צווייגן פאַרשטילטע.
איך גלעט דעם קערפער פון בוים.
איך אטעם מיט זיי די לופט אפגעקילטע,
נאָך מיין פאַרפלויגענעם פרילינג איך בענק...

# אַוועק

אַוועק, אַוועק איז ווידער דער ליבער זומער,
אַוועק אין אַ ווייטן לאַנד.
ווייניט דער ווינט, באַלד וועט קאַלטער ווינטער קומען.
ווייסער פּאָן אין זיין פראָסטיקער האַנט.

שטום, שטום גיי איך מיין וועג דורך דעם גאָרטן
צווישן צווייגן ברוין, ווי בורשטין.
בלעטער, ווי בלעך, זיך־וואַלגערן דאָרטן,
וואו אַלץ איז געווען אַזוי גרין.

אַוועק, אַוועק איז אויף אייביק דער גרינער זומער,
אַהין, וואוהין אַלעם גייט,
דער האַרבסט האָט געבראַכט קופּער־בראָנזענעם אומעט.
ער האָט ליידיקע הויפנס געזייט...

# פרילינג

צאַרט, ווי אַ קינד נייגעבוירן,
איז אין פריהען פרילינג די ערד.
שאַלונג פון גאָלדענעם האָרן
האָב איך היינט אויף פעלדער דערהערט.

גוט איז מיר גיין דאָ אין שטילקייט
דורך בלוי־גרויען טאָג זאַלבאַנאַנד.
אויף וועגן, וואו קאַקטוסן ווילדע
וואַקסן מיט ראָזעס ביים ראַנד.

דאָ ווערט צערונען מיין אומעט.
מיר דוכט־זיך, מיין בענקשאַפט ווערט שטיל.
אַלץ, וואָס ליב, איז מיר אַנטקעגן געקומען.
דעם וואַקסן פון גראָזן איך פיל.

# מיט בענטשנדיקע הויפנס

מיט בענטשנדיקע הויפנס האָט דאָרט גאָט צעשאָטן
גאָלד־געוועב, קופּער, פּורפּור און בורשטין,
לויטערע הימלען, וואַסערן, זון און לייכטן שאָטן...
שלאַנקע סאָסנעס שטילע ברענען ליכטיק־גרין.

שלום׳דיקע וואַסערן, דורכזיכטיקע, בלויע,
שטראָמען צווישן בערג, רחבות׳דיק און ברייט.
פון מיינע טעג, די שווערע, פאַרוואַשן זיי דעם טרויער,
פאַרפירן אינדערוויַיט מיין צעווייטאָגט האַרץ און אויג.

מיט האָרבן צום הימל ליגן קעמלען ווייסע,
אין רעגנבויגנס לייכטע זינגען וואָלקנס בלוי.
צווישן בערג און וואַסער גיי איך, אַזאַ ווייטע...
לויטערט זיך מיין ווייטאָג, לויכט, ווי טראָפּנס טוי.

מיט געבענשטע הויפנס האָט דאָרט גאָט געשאָטן
גאָלד־געוועב, קופּער, פּורפּור און בורשטין.
גרינע, שטילע וועלדער, בלויען ליכט און שאָטן...
און מיך, און מיך אין טרויער, אויך געבראַכט אַהין.

# נשמה מײַן

נשמה מײַן! װאָס װעט זײַן פֿון דיר? אָט שטײסטו אַ פּאַרטראַכטער?
מיט פֿרילינג־ריחות און אױפֿגעװאַכטער ערד...
װאַרטסט אױף עמיצן װאָס װעט פֿונװײַטן אָנקומען.
ער האָט, װי דו, אין װאַנדער אַ װײַטן רוף דערהערט...

נשמה מײַן, דו ברײטער ים, אָנראַנדיקער.
נשמה מײַן! געװוּג געבענקט אומזיסט —
נאָך שײנקײט אײביקער. אין שװערן װאַנדערן
מיט שטערן גאָלדענע אין װיסט.

# אינדערפרי

די בערג זיינען בלויער פון וואָלקנס
און לייכטער פון הימלען אינדערהויך.
איך שטיי דאָ אין פרייד פון פרימאָרגן,
דער ווינט גלעט, ווי סאַמעטן ווייך.

די ערד הערט פון ים די געזאַנגען
און זינגט מיט פאַרשטילטקייט פון גראָז.
די בלויקייט אויף הימלען צעהאַנגען
מיט אָפּגלאַנץ פון רויט און פון ראָז.

ערד איז שטראָמיק, ווי די רחבות פון וואַסער.
בערג לופטיק — ווי פון יוגנט אַ טרוים...
פון ליכטיקייט שטראַלנדע פאַסן
בליהען בלענדיק ווי אַן עפּלבוים.

# פרילינג

מיט קאַרשנבליט שמייכלט דער גאָרטן,
מיט ווייס־ראָזן עפּל־צוויט, בעז.
פויגלען לייכטע טראָגן־זיך דאָרטן
מיט געזאַנגען דעם גאַנצן מעת־לעת.

פאַלן שניי־ווייסע בלומען אויף גראָזן
מיט ריחות פון פרילינג און צוויט.
ווי באַקן פאַרברוינטע, יונגראָזע,
דער גאָרטן מיט וואַרעמקייט בליט.

איך ווער דאָ אַליין אַ פאַרשטילטע
ווי צווייגן, ווי בלעטער, ווי ערד.
אין גאָרטן, אין ווייסראָז פאַרהילטן,
האָב איך די שטים פון מיין יוגנט דערהערט.

עס גיבן מיר שלום די צווייגן,
אין ווייסע געזאַנגען פאַרטרוימט...
שטאָלצע שטאַמען שטייען און שווייגן
מיט סודות פון בליאונג באַזוימט.

פאַסן ליכט פאַלן שטיל אויף מיין פנים.
איך בין היינט צווישן ביימער אַ בוים.
מיינע אויגן פאַרפרעמדטע דערקאָנען
פון פרילינג דעם ווייסן געהיים.

# עס גייט דער טאָג אַוועק

ס׳גייט דער טאָג אַוועק און שטיל ווערן די הימלען.
פאַרטראַכטער ווערן בוימער און טונקלער די גראָזן...
די גאַנצע ערד אין שטילקייט לייגט־זיך דרימלען
אין אָפגייענדן שיין, דעם ראָזן.

איך וואַנדער אום צווישן פרעמדע, פרעמדע הייזער—
וואו־נישט־וואו לויכט־אויף אַ שטילער פענצטער...
איצט דוכט־זיך־מיר, אַז ס׳לעבן איז שוין מער נישט אַזאַ בייזער,
ווען אויף מיין שווערן וועג גייסטו־מיט־מיר, מיין ׳שענסטער.

## פאַרנאַכט

איבער מידער ערד פאַלט שטיל די אָוונט־בלויקייט
און טראָגט אויף צאַרטע הענט אַ פייערדיקן זוים...
די פאַלמען, קיפּאַריסן פאַרהילן־זיך אין גרויקייט
פון אַ נאַכטיקן און נעפּלדיקן טרוים...

מיינע אויגן טרינקען דורשטיק די פאַרבענקטע פאַרבן,
מיין האַרץ ציילט אין דער שטיל: אַוועק איז נאָך איין טאָג...
דער רויטער פייערזוים גייט־אויס ביים ראַנד אין שטאַרבן
און אַ פויגל אויף אַ בוים אין בענקשאַפט קלאָגט.

טונקלער ווערן פאַרבן, שטיל דער אָוונט שפּרייט־זיך,
פאַרוויקלט אַלץ און אַלעמען אין צאַרטקייט און אין רו...
מענש און בוים און פויגל שטיל צו נאַכט זיך גרייטן,
פול בענקשאַפט, ציהט דאָס האַרץ אין ערגעץ־וואו...

# אַ בריוו פון פוילן

„מען מאַכט דאָ ניט קיין חתונות, מען בויט דאָ ניט קיין שטיבער,"
שרייבט מען אין אַ בריוו צו מיר פון דער אַלטער היים.
ווערטער קורצע. פון שווערן לעבן שטיקער
ווײַנען פון דער שורה אין געהיים.

פון פּאַפּיר, דעם ווייסן, שורות שוואַרצע טרויערן
איבער עלנט לעבן, פאַרפרוירענעם אָן גליק.
חלומען און בענקען נאָך נייע שורות מויערן,
נאָך נייעם, יונגן לעבן, נאָך חתונה מוזיק.

# אַ בריוו

מאָרגנזון. און העלן ליכט
שטריקט דער טאָג אין וואַרעמע פּאַסן.
שטרייפן פרייד אויף מיין געזיכט,
ווי שיין, ווי ליכטיקייט אויף גאַסן.

עס ציטערט שטיל דאָס ווייס פּאַפּיר
אין מיינע פלאַטערדיקע פינגער.
פון יעדן וואָרט, וואָס איך באַריר,
ווער איך ליכטיקער און יינגער.

## פאַר אַלע

פאַר אַלע שטומע
מוז איך ריידן:
זייער פּיין האָב איך דערזען.
זייער פּיין אין מיינע אויגן
וויגט־זיך, וויינט
און ברענט מיך, ברענט.

פאַר בלינדע
זעהען מיינע אויגן
און וויינען ביטער,
נאָנט געוויין.
פאַר שטומע, בלינדע
מיין ליד זאָל ריידן,
זאָל נישט פאַרגיין!

פאַר האָרבאַטע וועל איך זינגען
צעצווייגטן, האָרביקן געזאַנג.
אַלע פּיינען אויסצוזינגען
בין איך פאַראַן...

# צו אייך, קראַנקע

איך קען גוט אייערע נעכט, וואָס אָן שלאָפֿן פֿאַרגייען,
איך לעב־מיט מיט אייך די טעג, פֿול בענקשאַפֿט און פֿול פּיין,
דורך מײַנע דינע ווענט דערטראָגן זיך די ווייען —
אייער פֿלאָגונג ווערט מיר נאָענט, ווערט מײַן.

נאַכט. אַ שלאָפֿלאָזע איך ליג בײַ מיר אין צימער —
פּלוצלונג אַ סירענע שאַלט: אַ רוף פֿון מענטשנס האַרץ...
מײַן אָטעם שטעלט־זיך אָפּ, מײַן שורה אָטעמט גליווער
און ענגשאַפֿט פֿון אַ לעבן, וואָס ראַנגלט־זיך מיט שוואַרץ.

איך שיק אַ ברכה אייך, איך טו אין אײַנזאַם תּפֿילה.
מײַנע אויגן שפּאַלטן ווענט אַדורך פֿון אייער קראַנקן צעל...
איך איַל מיט מײַן געבעט, ווי אין דער לעצטער שעה פֿון נעילה,
באַהעפֿט מיט אייער פּײַן, מיט דעם ווײ פֿון אויג און זעל.

ערגעץ, ווײַט פֿון אייך, איך לעב מיט אייך, איך גריס אייך,
אייער וויִיטאָג איז מיר נאָענט, איך האָב מיט אייך דורך נאַכט.
די שורות פֿון מײַן ליד, ווי אַ טײַך צום ים, טוט פֿליסן...
עס שטראָמט צו אייך מײַן ליד, דורך סירענעשאַל דערוואַכט.

## שטום

שטום געבּרום פון צונג אַרויף.
אויגן — רויטער, רויטער רוף.
האַלדז פאַרגליווערט — שטיקער אייז!
וואָרט! אָ, וואָרט! דערלייז! דערלייז!

שטום געבּרום נאָר
ענטפערט אָפּ...
וויגט אין אויגן זיך,
אין קאָפּ —

וואָרט נישטאָ.
נאָר שטום געבּרום...
עס וויגט זיך צונג...
און צונג איז שטום...

# בלינד

העגט זוכן וועגן...
די אויגן פֿאַרמאַכט.
טאָגיקע אויגן
פֿאַרמויערט אין נאַכט.

הענט ציהען־זיך, ציהען —
באַרירן די שיין.
עס יאָמערן וויעס —
ליכטיק צו זיין!

ברעמען רופן און רופן
דאָס שיין פון דעם טאָג...
רוף נישט דעררופן
קיין ליכט איז נישטאָ...

עס יאָמערן אויגן,
ווי מדבר׳שער ווינט.
דער טאָג איז פֿאַרצויגן,
די זעאונג איז בלינד.

## עכאָ

איך בין דער האָרבאַטער, וואָס טראָגט זיינע באַרגיקע פּלייצעס.
איך בין די מאַמע, וועלכע וויינט ביי אַ ליידיקער וויג.
איך בין די נשמה פֿון פערד, וואָס מ׳בייטשט און וויינט מיט לייטשעס.
איך בין די פֿרוי, וועלכע ליידט און שווייגט און ליבט.

איך בלי אין דעם קאָרן, וואָס פֿרייט זיך אויף זוניקע פֿעלדער.
איך רייף אין מילגרוים, אין דעם עפּל, אין טרויב.
איך בין גרינע נאָדלען, וואָס זינגען אויף סאָסנעס אין וועלדער.
איך זינג אין די פֿויגלען און בוימער, אין בלויען פֿאַרטאָגיקן טוי.

איך טרינק, ווי אין מדבר די זון. איך זאַפּ איין די הימלען, די בלויע.
איך טרינק מיט דורשטיקע אויגן די טייכן, דעם וואַסער פֿון ים.
איך היט אָפּ, ווי די ערד אירע זאָמען, אַלץ, וואָס מען וועט מיר
פֿאַרטרויען.
איך בלי־אויף אַלעם צוריק. איך מאַך זיס דעם גיפֿטיקסטן סם.

# וואָגל

בין צו מדבר געגאַנגען. און ים.
מיט שטילקייט און שטים זיך נערן.
זיך היילן אין פלאַם.
ברענען און פאַרברענט נישט ווערן.

טרינק איך מדבר'שן טוי,
ווי זאַמדן — דיזעלבע געטראַנקען.
באָד מיינע אויגן אין בלוי,
וואָס אין די הויכן צעהאַנגען.

איך בין מיד ביז מיין ביין.
מיין האַרץ איז צעשניטן און אָפן.
שטיינער און שאַרפע ציין
זיינען איבער מיין לייב געלאָפן.

# אין טאַנץ

עס גיסט זיך רויטער שיין אויף ווענט;
סטענגעס זיך פלעכטן ווי שלאַנגען.
טאַצן קלאַפּן אין הענט...
ס'פלעכטן זיך פינגערדיק הענט
אַרום קערפּערס בויגיקע, שלאַנקע.

פאַרבלאָנדזשעטע גליטשן זיך טריט
איבער גלאַטיקע, גלאַנציקע וועגן...
שכורע, זינלאָזע שריט,
אין שוועבן — פאַרקעטן פאַרוועבן.

און זילבער־געקלאַנג און אוהאַ
זיך טראָגט פון פאַרשאָטנטע טישלאַך...
ס'ברענען אויגן אַרויס פון באַאַ —
געלעכטער מיט ווערטער צעמישט זיך.

אויגן פרעמדע נעמען אַרום, ווי די נאַכט
און נאָענט איז היינט פרעמדנס אָן אָטעם.
אויגן פרעמדע, ווי לאָדנס, פאַרמאַכט
פאַרלאָדנט, פאַרשלאָסן, פארשאָטנס.

הענט — פלעכטן־זיך־פלעכטן אין זינגלאָזן טאַקט...
ערגעץ אַוועקגיין. ניין! בלייבן אינמיטן.
וועמען געטראָפן? און וועמען פאַרביטן?
וואָס אויסגעמיטן?...
ווידער אַוועקגיין... ווייט — ווייט. אינדערנאַכט...
עס וואַכן די פיס
און די אויגן פאַרמאַכט —
לאָדנס פאַרלאָדנט אין פינסטערער נאַכט.
טונקעלע פייערן. זינלאָז דערוואַכט...
אַוועקגיין! אַוועקגיין!
און בלייבן אָט דאָ...

עס דרייט זיך אַ שעה...
און אַ ראָד... אין אַ ראָד...

צוגעשמידט. צוגעשמידט קערפּער־צו־קערפּער.
אָטעם־צו־אָטעם — אָטעמט זיך לייכט.
נאָענטער דער פּנים. באַק נענטער, נענטער.
ברעמען מיט ברעמען —
נאָענט, אַזוי נאָענט היינט ווילד־פרעמדער לייב —
ס'שאָקלט זיך ס'פּנים —... אַזוי נאָענט —
פון דער ווייט!
אויגן צעצונדענע
שפּיזן דאָס לייב.

טריט־אין־טראָט. טריט־אין־טריט.
אָטעם ברענט. אויג — צעגליט.
פוס־מיט־פיס. אין־טאַקט־אין־טאַקט.
עס ברענטש דאָס לייב
עס גליט די באַק.

עס וויינט קלאַרנעט. עס רופט די פלייט.
פאַרדרייט אין ווינט אַ זיידן קלייד...
עס טרויערט שטיל די ווייטע פרייד.
עס טאַנצט אַ טאַץ און וויינט אַ פלייט. —

דו און איך... און אַליין. אַליין!
אינצווייען. צוויי. ביין־צו־ביין.
עס לאַכט די טאַץ
אויף פלייט'ס געוויין....

עס גיסט זיך שטילער, רויטער שיין. —
עס רוישט דאָס בלוט, ווי שפּיליק ווייַן.
עס שטאַרבן קלאַנגען שטיל. אין פּיין.

# אַ בריוו

ניט ברוגז זיין — בעטסטו מיך, און זאָגסט, איך זאָל דיר שרייבן.
ווייס איך היינט אַליין ניט... צו וואָס?
איך האָב אַ סך צו זאָגן, — ווייל איך גאָר היינט שווייגן...
גוט איז מיר — ניט שיקן דיר קיין אות.

בעטסטו מיך און שרייבסט מיר, ווילסט, איך זאָל דיר שיקן
אַ בריוו אַ לאַנגן: ווי אַזוי מיר גייט?
ווילט זיך היינט מיר, גראָד היינט, זיך אַליין דערקוויקן —
מיט מיין אויסגעטראַכטער, אומרואיקער פרייד.

רופן דיינע שורות, בענקען פונדערווייטן:
מיין טייערע, מיין נאָנטע, שרייב צו מיר... און רייד...
ס׳וואַרפט היינט די לבנה שיין אויף אַלע זייטן,
שווער איז מיר איר אומעט. שווער איז מיר מיין פרייד.

שווער איז מיר צו שרייבן. שווער איז מיר צו שווייגן.
ווייס איך אַליין ניט: וואָס? — וואָס זאָל איך טאָן?
מיינע הענט אין אומרו ציהען־זיך ווי צווייגן...
און אַליין איך פלאַטער, ווי אין ווינט אַ פאָן.

צו וואָס זאָל איך דיר שרייבן? אַ פרעמדן און אַ ווייטן?
צו וואָס זאָל איך דערציילן, ווי, און וואָס ביי מיר?
ס׳שיינט היינט די לבנה העל אויף אַלע זייטן,
און אַזאַ נאַכט, אַ בלויע, רופט און וואַרט ביים טיר...

## רויטע פאָנען

רויטע פאָנען
זיך טראָגן אין לופט,
ווי בליצן
ביים אָנקום פון שטורעם.
פלאַטערן אין ווינט,
רופן, —
ווי גלעקער
פון טורעמס.

שטיבלאַך
שטייען אין שרעק,
לענדער
זיך וויגן און וואַקלען...
גאַסן
הוידן־זיך ווי שאַרפן פון העק,
ווי אין פינצטערניש געצונדענע פאַקלען.

היים —
איז קיין היים היינט נישט מער.
גאַסן
אין היימען פאַרוואַנדלט.
רייען פאַרברידערטע
זיך הוידן,
ווי שווערדן —
קעגן וועלט פון פאַרשקלאַפונג און האַנדל.

רויטע פאָנען
בליצן אין לופט.
פלאַטערן
איבער לענדער און לענדער.
צו פאַרברידערונג,
צו שלום דער רוף,
צו קאָנטינענטן,
צו פעלקער געווענדעט:
שטייט־אויף! ענדערט!

# איבער מיין ערד

איבער מיין צעבליטער, צעזומערטער ערד
גיי איך און זינג אַזוי פריי...
דערזעה איך דעם שאַרף פון אַ שווערד,
דערהער איך דעם ניגון פון בליי.

ציה איך אין אַנגסט מיינע הענט,
הויב איך־אויף העכער מיין שטים.
איך זעה — אַלטע וועלט ווערט פאַרברענט
און פייער געבערט נייעם הימן.

איבער אַ וועלט, וואָס ווערט חרוב און אַלט
גייט־אויף אין געוויטער אַ נס...
רויטער ווינט איבער אונז שאַלט,
עס זומערט מיט רויטן כעז...

# דער בלאָנדער משיח

(פון מיין בוך „דער בלאנדער משיח“)

אָפּגעריסן. צעבלוטיקט די פּיס.
נאָר לויטער דאָס לייב און דער פּנים.
מאַרשירט צווישן רייען מיט ביקס.
מאַרשירט אין גאַנג פון לעגיאָנען.

אַ ריי נאָך אַ ריי, נאָך אַ ריי,
הונדערטער, טויזנטער — מיליאָנען.
פּלוצלונג אויגן — אַ בלויער געשריי
איבער אַ ליכטיקן, קינדערשן פּנים.

און געשריי בלויער וויינט אַזוי, וויינט —
און ווערט אין אַ שמייכל פאַרוואַנדלט.
געשריי פאַרוויגט. צעווייט,
ווי ווערט גוטסקייט, אַהנונג...

פּיס שפּאַנען פון ווייטן צו ווייט —
די וועלט די גאַנצע אויסגיין.
טראָגן ליכטיקסטע, ברודערשע פרייד.
דערוואַכונג, דערלייזונג פון פּיין.

# צום ערשטן מאַי

איבער דער גאַנצער וועלט פּלאַטערן היינט פאָנען,
און מיליאָנען מענשן געשלאָסענע אין ריי—
גייען מוטיק, זאָגן־אָן און מאָנען:
די וועלט זאָל זיין באַנייט, אין שלום לעבן, פריי.

אויף לשונות אַלע טראָגן־זיך געזאַנגען
פון פרייהייט און פון גליק פאַר דער גאַנצער וועלט.
גלויביק ווערן אויגן, מונטער היינט דער גאַנג איז
אונטער פאָנען רויטע מיט אויפרופן באַהעלט.

# די גאַנצע וועלט

די גאַנצע וועלט איז היינט מיין היים...
און אַלע מענטשן — ברידער.
מיין פיין פאַרשלים איך אין געהיים,
אויף וועגן איך וואַנדער ווידער.

מיר איז וואַנדער־וואָגל גוט באַקאַנט,
מיין בענקשאַפט איז מיר טייער.
מיר ווייזט מיין וועג אַ בלויע האַנט,
מיך פירט אַ זייל פון פייער.

# צו דער בראָנזענער דיאַנע

מײַן שװעסטער! איך בין, װי דו, אַ דיאַנע;
װי דו, איך טראָג־זיך דורך דעם װינט.
איך שטרעק, װי דו, מײַן האַנט צו צאַמען
אין בײזן יאָג די װילדע הינט.

װי דו, בין איך פֿאַרליבט אין פֿעלדער,
אין שנעלן לױף איבער גאָרער װעלט.
עס שאַלט מײַן ליד, װי האָרן דורך װעלדער.
עס איז זינגען לידער מיר באַשערט.

איך שטײ לעם דיר, איך זע דײַן פּנים.
דו ביסט בראָנז, איך בין בלוט און בײן;
דו טראָגסט דעם צײכן פֿון האַלב־לבֿנה,
איך — מײַן ליד. דורך נאַכט — צו שײן.

# הירש און אָדלער

איך גיי צו אייך. פון טאָל — אויף בערג,
איך גיי צו אייך. אויף בערג — פון נידער.
איך — אַ מענטש. אַ קליינער צווערג —
וויל ווערן הירש און אָדלער ווידער.

ווי הירש זיך טראָגן. באַרג־נאָך־באַרג.
צעצווייגטע זינגען מיינע הערנער.
איך טראָג מיין גאַרב! איך טראָג מיין אַרב!
בלומען דופטיגסטע און דערנער.

און אָדלער זיין. הויך און פריי
מיט אויגן ליכטיגסטע און ווייזע.
אַלץ, אַלץ דערזעהן: דערזעהן אויפסניי —
און אויפשטראַלן, ווי שנייען ווייס'סטע.

איך קום צו אייך. פון טאָל — אויף בערג.
איך קום צו אייך. אויף בערג — פון נידער.
איך בין שוין נישט מער קליינער צווערג,
הירש און אָדלער — ווער איך ווידער.

## ווי דו...

איך גיי אויף וועגן ווייטע — זיבן זונעז זוכן.
איך בין פון די, וואָס קענען נישט קיין רו...
איך הער־זיך־צו צו אָנזאָגן און כשופ'דיגע שפּרוכן,
דורך טויערן פון לענדער, געבויגן איך גיי, ווי דו.

אויך מיר איז גוט באַקאַנט — שנייען, קעלט און וואַנדערן,
טעג אין בענקשאַפט, אין איינזאַמקייט און נויט.
איך בין, ווי דו, נאָר כ'בין אַן אַנדערע...
איך האָב דאָס לעבן ליב. ווייל... כ'קען דעם טעם פון טויט.

# מײַן ליד, מײַן קינד

מײַן ליד, מײַן קינד מיט שטראַלנדיקע הערנער,
מיט אויגן ליכטיקע און טאָגיקע, ווי זון.
קלײַב־אויף, זאַפּ־אײַן אין זיך בלומענדופט און דערנער,
ווינטן פּראָסטיקע און זומערדיקן זום.

מײַן ליד, מײַן ליכטיק קינד, מיט אויגן טונקל־בלויע,
גײ, גײ אין וועלט אַרײַן מיט פֿולע הויפֿנס שײַן.
לויכט־אויף אין הײַזקעלאך. צו ווינקלען דאַרע, גרויע,
זאָלסטו טרײסט און האָפֿנונג אין שעה'ן פֿריִהע זײַן.

און זײ מיט מיר, מײַן קינד. דו און איך — מיר בײדע
צוזאַמען זאָלן זײַן. אויג־אין־אויג, האַנט־אין־האַנט.
ביז שעה'ען מײַנע לעצטע. שטענדיק. אימער גרײטע
אויפֿנעמען, ווי ברכות, דעם לעצטן טראָט צום ראַנד.

מײַן ליד, מײַן קינד, מיט שטראַלנדיקע הערנער,
מיט אויגן טאָגיקע און ליכטיקע, ווי זון. —
קלײַב־אויף, זאַפּ־אײַן אין זיך בלומענדופט און דערנער,
ווינטן פּראָסטיקע און זומערדיקן זום...

# דיין וואָרט נישטאָ

צו חיים נחמן ביאַליק.

דיין וואָרט נישטאָ. דיינע אויגן אויסגעלאָשן.
פאַרשטילט דער אומרו פון דיין גרויס האַרץ...
אין אַלע עקן וועלט שטייען מיר אָן לשון...
איבער אונזער זומער פלאַטערן פליגלען שוואַרץ...

גרויסע ליכט ברענען. זיי וויינען ביים צוקאָפּנס.
זיי שפּרייטן שאָטנס, שרעק און שיין.
זיי גייען־אויס אין הייסע טראָפּנס,
ווי אונזער האַרץ אין צער, אין פּיין.

דו ביסט געווען מיט אונז אין פייער פון פּאָגראָמען,
נישטאָ שוין מער דיין וואָרט, וואָס האָט געצאָרנט און געברענט.
מיט געזאַנג געזייט האָסטו האָפענונג, ווי זאָמען,
געשטאַרקט אויפסניי, געמוטיקט אונזערע הענט.

פאַרשטילט דיין וואָרט. פאַרלאָשן דיינע אויגן,
ווי פליגלען מידע, צענויפגעלייגט די הענט...
אין צער, אין טיפן ווי שטייען מיר געבויגן...
ווייל דיין ליד האָט אויפגעהערט... ווייל דו האָסט אויסגעברענט...

# די תורה

פאַרמעט קלאָרער דיין ליכטיקער גוף.
אותיות — אויגן פון פייער און בליצן...
צו אייביקער שיינקייט דיין רוף —
פון פעלזנשטיין אייביקע שפּיצן.

צווישן אותיות — וועגן, צעלויכטענע העל —
אונז פירן דורך סודות אין רוימען...
ביסט פון דער ערד צו וועלטן ווייטע אַ שוועל
פון טויזנטיאָריקן העלזען און טרוימען.

פיר הענטלאַך טראָגסטו אויף זיך.
פיר שטראַלן צו ערדישע עקן...
פייער און בליץ פון דיין געזיכט
די סודות בראשית אַנטפּלעקן.

פיר הענטלאַך — ווי הענט און ווי פיס...
ווי אונזער מענשישער גוף ביסט געוואָרן...
צוויי צו הימלען, וואו שטראַליקייט איז,
צוויי צו ערד — וואו מיר זיינען געבאָרן.

פאַרמעט קלאָרער דיין ליכטיקער גוף.
אותיות — אויגן קלאָרע פול בליצן...
ביסט פון פינצטערניש צו שיין אונזער רוף,
גאָט'ס וואָרט אויף דיין הויט טוט מען קריצן.

ווען געעפנט דער אָרון־קודש ווערט, —
זעה איך גייסטער וואַכע דרימלען...
מיט פיס — צוויי שטראַלן אויף דער ערד,
מיט הענט צעשטראַלטע אין די הימלען...

# יוסף

## א

שטיל איז דער יונגלינג, בלוי־טרוים אין די אויגן,
ווי זאַנגען רייפע שיינען די האָר—
מיט חלומות איז פאַר אים דער העלטאָג פאַרצויגן.
עס זינגען ווי טייכן, זיינע זיבעצן יאָר.

יעקב'ן איז יוסף פון ליבסטע דער ליבסטער.
קיין איין זון פון די זין איז דעם זקן נישט פרעמד.
נאָר יוסף איז אַנדערש. שענער און יונגער
שיינקט יעקב זיין ליבסטן אַ זיידענע העמד.

גייט יוסף אַרום אין בלויזייד פון טרוימען.
און שטערן, אים דוכט־זיך, זיך בוקן פאַר אים,
און גאַרבן און זאַנגען פון פעלדער געהיימע
רעדן צו אים מיט פאַרבאָרגענער שטים.

קומט יוסף צו ברידער—זיי עסן דערלאַנגען,—
דערציילט ער חלומות, קלאָרער, ווי וואָר...
דערוועקן זיך אין הערצער פון קנאה די קלאַנגען,
וואָס יוסף דער יונגסטער, וויל זיין ביי זיי בכור...

צעפלאַקערן זיך הערצער, ווי האַלבטאָג אין מדבר,
און שנאה די ליבשאַפט פון ברידער דערשלינגט...
פון ישמעאלים דער גאַנג זיך דערנענטערט צו ברידער
און דער מרוקען פון קעמלען אין די אויערן קלינגט...

„לאָמיר דעם חלום־יונג אין קנעכטשאַפט פאַרקויפן,
פישט קיין האַר וועט ער זיין, וועט דער חלום זיין אוים!"
טונקלער ברענען פון שנאה די אויגן
און אַ ברידערשע האַנט טוט די זיידנהעמד אוים.

„אין בלוט פון אַ ציגעלע װעלן מיר עס איינטונקען,
און דעם טאַטן דערציילן, אַז ס'האָט אַ װאָלף אים פאַרצוקט.
זיין יוסף'ן, צו װעלכן ס'האָבן די שטערנס געװאונקען,
זיין יוסף'ן, צו װעמען ס'האָבן־זיך די זאַנגען געבוקט"...

## ב

אַ פאַרשטילטער שטייט יוסף אין שטורעם פון שנאה...
ער האָט אויף זיינע ברידער מיט ליבשאַפט געקוקט!...
און װאָס איז זיין זינד? אַז אויף פעלדער בלוי־גרינע
האָבן גאַרבן עלף שלאַנקע זיך פאַר אַ צװעלפטן געבוקט?

ס'איז געענדיגט די קניה... מיט'ן שטאַם פון ישמעאל
גייט יוסף, דער טרוימער,— אַן איינזאַמער קנעכט...
גייט יוסף, דער ליבלינג פון יעקב־ישראל,
דער זעהער, דער העלער, דער פאַרליבטער אין נעכט...

גייט יוסף אויף זאַמדן און װייט איז זיין טאַטע,
זיין װיי װערט פאַרשלונגען, װי אין װיסטע דער רוף...
פאַלן שאָטנס אויף ערד, פאַלט יוסף פאַרמאַטערט,
אויף זאַמדן װילד־פרעמדע זיין װאַרעמער גוף...

זיינע העלע חלומות, װי גליק איצט פאַרשװאונדן,
אומ'רחמנות'דיג, האַרט פאַר אים שטייט די װאָר...
װעט ער טיפער באַהאַלטן די ברענענדע װאונדן,
טיפער אין זיך, אויף װער װייסט װיפל יאָר...

## ג

װי אַ קנעכט איז יוסף אין מצרים געקומען.
אין חלומות — אַ פרינץ, אַ פירשט און אַ האַר...
די בלויקייט פון טרוימען מיט זיך מיטגענומען,
מיט גאָלד פון די שטערן באַצירט ער זיין צער.

דער עלנטער יוסף אין אין תפיסה געזעסן —
איז וויסטער פון שוואַרצע חלומות זיין טאָג...
מיט גנבים און רויבער איין מאָלציט געגעסן
מיט זיי אויף זיין פינצטערן גורל געקלאָגט.

נאָר אַלץ האָט אַ סוף. עס קומט זיין גאולה,
עס פאַלן ווי ריגלען פון תפיסה די ווענט...
פאַרשווינדן, ווי סוף חודש, די לבנה די פולע,
זיי ווערן צו נישט, ווען גליק זיך דערנענט.

יוסף, דער טרוימער, ווערט פּרעה'ן דער נענטסטער,
יוסף, דער קנעכט, ווערט פירשט און ווערט האַר.
זיין וואָר ווערט ווי חלום, דער העלסטער און שענסטער,
פרייד ווערט ווי ים — פון די טייכן פון צער...

העל איז דאָס וואָרט פון יוסף'ן אין מצרים,
און יעדער קלאַנג איז שטרענגסטער באַפעל.
מיט ליכטיקן שכל געבענשט אין זיין רעיון,
זיין שטערן איצט שיינט, ווי זון, אַזוי העל...

ד

הונגער און יאָמער איצט הערשן אין כנען —
די טריקעניש האָט זאַנגען און גראָזן פאַרצערט.
„אין לאַנד פון די מצרים איז תבואה פאַראַנען, —
ביי נילוס דעם פעטן", האָט מען אין כנען געהערט.

גייען די ברידער תבואה איינקויפן...
דערקענט יוסף די ברידער און יאָמערט פאַר פרייד.
דאָך וואַרפט אויף זיי שרעק, זיי זאָלן דאַרפן אַנטלויפן, —
און רעדט מיט זיי בייזע, מצרישע רייד.

די ברידער זיך־בוקן פאַר יוסף, דעם ברודער,
ווי עס האָבן זיך די זאַנגען אין חלום געבוקט.
הערשט צווישן ברידער שטילער גערודער:
„ווי מאָדנע דער מצרי אויף אונז האָט געקוקט."

## ה

עס שיינט יוסף׳ס טאָג, ווי די שטערן אין הויכן.
נאָר אין שטילקייט פון פּאַלאַץ ברעכט ער די הענט.
עס יאָמערט זיין האַרץ, זיין טרוימעריש־ווייכע.
האָבן אים זיינע ברידער־פאַררעטער דערקענט?

נישט פאַרשטאַנען האָבן די ברידער זיינע העלע טרוימען,
אים געהאַסט פאַר דעם זעהן פון שטערן דעם גאַנג;
פאַר הערן אויף פעלדער פון זאַנגען געהיימע
דעם גאָלדענעם שטילן רויש און געזאַנג.

## ו

ער וואָלט פיל זיי געגעבן, נישט נאָר ברויט גענוג זאַט צום עסן,
אָ, ווי וואָלט ער ברודער געוואָלט צווישן זיי ווידער זיין!
אָ, זאָל די שנאה פון ברידער שוין ווערן פאַרגעסן!
זיין עלנט, די תפיסה, די יאָרן פול פּיין!

דאָך ער וואַרפט אויף זיי שרעק און שיקט אַוועק זיינע ברידער,
נאָר באַפעלט זיינע דינער: זיי געבן מער ברויט..
דער מעכטיקער יוסף ווערט אַ קלייניקער ווידער —
ווי שרייט אין אים: דער טאַטע אין נויט!

אין פּאַלאַץ פאַרשטילטן זיצט יוסף אין עלנט.
ווי דער רובין אין זיין רינג, ברענט זיין וואונד און זיין צער.
וואָס טויג אים די מאַכט פון שרייבן באַפעלן,
זיין שני למלך און מצרישער האַר?

## ז

די צייט איז אַ שווערע לאַנגזאַם געגאַנגען —
געטריקענט האָט תבואה, געוויסטעט דער פעלד.
פאַרדאַרטע, אָן קערנער, זיך וויגן די זאַנגען,
קיין פאַשע פאַר שאָף, קיין האָבער פאַר פערד.

גייען פון כנען צום מצרי די ברידער,
און דער קליינער בנימין איז איצט אויך צווישן זיי.
„אָן יונגסטן נישט קומען, אייך נישט זעהן זאָל איך ווידער," —
שטרענג איז דאָס וואָרט פון דעם מצרי'ס באַפעל.

## ח

קומען די ברידער און וואַרטן אין אימה:
ווי וועט איצט זיי געשען מיט דעם מצרי, דעם האַר?
זיינע ווענן מיט זיי זיינען אַזעלכע געהיימע,
חסד און משפט, גוטס און געפאַר.

דערזעט יוסף ווידער אַזוי נאָנט זייער פנים,
דערקענט זייער שרעק, זייער הונגער און נויט.
דערזעט אויך זיין ליבסטן, דעם יונגן בנימין,
גייט אין אים אויף פאַרגעבונג ווי זאַנגען פאַרזייטע.

וואו איז דער טאַטע? אָ, איר מיינע ברידער!
יוסף בין איך! שרייט ער אוים אין זיין ווי...
די דינער דורך ווענט הערן גרויסן געדודער.
ביז דעם פאַלאַץ פון פרעה'ן ברעכט דורך זיין געשריי.

# אַ טאָכטער פון מיין פאָלק

איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — וואוין איך צווישן פעלקער.
איך רייד מיט פרעמדע זייער לשון, זייער אייגן שפּראַך.
איך בלי־אויף ווידער, ווען אַלעס, דאַכט־זיך, וועלקט שוין.
און קלאָר איז מיר די שטים פון יעדער שטומער זאַך.

איך בין אַליין. נאָר מיט אַלע ספון דער וועלט פאַרבונדן.
מיט פעלקער אַלע גיי־איך־מיט און פרייהייט זינגט אין טראָט.
אין מיינע הענט איז שטענדיק פייער ליכטיקער געצונדן.
און מיין רוף איז וואַך צו די איינוואוינער פון שטאָט.

איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — וואַנדער איך דורך לענדער.
איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — טראָג איך גאָט אין האַרצן.
מיין אויער איז, ווי דוד'ס פידל, צו מאָרגנווינט געווענדעט,
מיין אויג זעהט ליכט און האָפנונג דורך נאַכטיקייט און שוואַרץ.

איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — וואַנדער איך דורך לענדער,
וואו יעדער בייזער קוקט אויף מיר מיט לעסטערונג און שרייט.
גורט איך אָן מיט נייער גבורה מיינע לענדן
און ווידער גיי מיין אייביק גאַנג צו ליכטיקייט דורך שטרייט.

איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק, איך שטאַם פון טויזנט דורות.
איז מיר אַן אייגן דאַך געוואָרן דער הימל פון דער וועלט.
ווי אַ סנה ווערט נישט פאַרברענט מיין תורה.
איך לייג מיין קאָפּ אויף שטיין פון מדבר, ווי אין אייגענעם געצעלט.

# צו דיר, מיין לאַנד

זיך אָנגעאָטעמט ביי פרעמדע הימלען,
געברענט מיין פּנים אויף פרעמדער ערד.
מיין לאַנד, מיין גרויסע, איך זינג דיר הימנען,
האָסטו פון וויטן מיין שטים דערהערט?

מיין לאַנד, מיין שיינע, רופסט אַלעמען: ברודער!
רופסט אויף די וועלט צו נייעם זין.
איך טראָג דיין רוף דורך וועלט־גערודער,
ווי וועל צו ברעג — מיך ציהט אַהין.

פונדאַנען זינג איך צו דיין שליאַך, צום ברייטן,
צו דיינע בלויע פעלדער, צו דיין העלער זון.
איבער וועלט איך טראָג דיין שטערן רויטן —
דעם פרייען רוף פון דיינע זין.

# ערד

קיין חלום ס'איז מער, נאָר וואַרהייט און וואָר.
שײניק און העל אונזער נײער קאַיאָר.
אונזער פּנים צו זון. שוואַרצערד אונטער פיס.
דער לעבן באַנײטער איז שטראָמיק און פריש.

וואַכט־אויף אונטער זאָמען אונזער אײגענער באָדן,
ווערט פעלד און ווערט שײער מיט זאַטקייט באַלאָדן.
קינדער און יוגנט, ווי פעלדער דערוואַכן,
וואַקסן און בליהען, און שפּילן און לאַכן.

צעוואַקסט זיך אַ לעבן אין זאַטקייט, אין רחבות,
דעם גלות פאַרגעסן, די דאגות, די דחקות.
צו פעלדער און וועלדער די הענט צוגעבונדן, —
צעשטראַלן־זיך אויגן, פאַרהײלן זיך וואונדן.

בויען־זיך שטעט, וואַרשטאַטן, פאַבריקן,
און הײזער, און גאַסן און אײזערנע בריקן.
עס פרייט־זיך דער לשון: בויען און בויען.
און אײגענער א י ד י ש וואַקסט, ווי אַ מויער.

נײע ווענט זיך צעשטראַלן אין הויכן, אין דעכער —
שטראָמט אײגענע שפּראַך פליסיקער, העכער.
אין מויל פון די קינדער, אַרבעטער, בויער,
אין רויש פון מאַשינען, אין פעלד ביי דעם פויער.

עס זינגען די פויגלען אויף ביימער פון נעסטן:
ווער קען אין געזאַנג מיט זײ זיך פאַרמעסטן?
עס קלינגען די לידער מיט מוט פון באַפרייטע,
עס הילכט־אָפּ די טאַיגע און גריסט זײ פונווייטן.

עס פרעגן שוין פעלדער ביי די שטראָמיקע טייכן:
געזען אַזאַ פרייד? קען זיך ווער מיט זײ גלייכן?
גייט־אויף אויך מיין ליד אַן אַנדערע, נײע,
מיט רחבות באַגליקט, מיט פרייד און אין פרייהייט.

# ביי ביראָ, מיין לאַנד

פון דעם פעלד דערטראָגט־זיך געזאַנג פון שטאָל און טראַקטאָר.
נישטאָ קיין קרעמער מער, קיין אָרימקייט, קיין קלייט.
אין פאַבריקן אייגענע שפינט דער סעליפאַקטאָר —
וואָל געשאָרענע פון שעפסן, פלאַקס אַליין פאַרזייט.

די ברייטע פעלדער נעמען־אויף פולע הויפנס זאָמען,
די וועלדער הילכן־אָפ דעם פריידיגסטן געזאַנג —
פון מענטש, געקומענעם פון קלעם און קראָמען, —
גיי מיט נייעם לעבן — אַ נייעם, פרייען גאַנג.

און די ברידער — בויען הייזער און פאַבריקן,
גאַנצע טעג פאַרנומען, ביז אין אָוונט שפעט.
נישטאָ שוין מער קיין חלומ'ען פון ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן־גליקן;
פריי דער וועג דעם שלאָגלער, יעדער אין געוועט.

וואַקסן קינדער. רויטע באַקן, דרייסטע אויגן.
גייען זיי אין שולן — רוקן, אַקסלען גלייך.
און די טאַטע־מאַמעס מיט פרייד און מי זיך בויגן —
ווער ביי דעם וואַרשטאַט, ווער ביים פעלד און טייך.

הימל הויכער גיסט אין שטיבעלאַך דורך פענצטער
קלאָרן שיין. מיט שטאָלץ פון אייגן אַרבעט גיסט־זיך יעדער אָן.
פאַרשוואונדן איז דער שרעק פאַר די פּאָגראָם געשפענסטער
אונטער פליגלען שטאַרקע פון דער רויטער פאָן.

עס זינגען מענטשן פריי. מיליאָנען שטאָלצע שטימען
אין כאָר דעם מעכטיקן פון סאָוועטנלאַנד.
אידישלאַנד גייט־אויף מיט דעם באַפרייטן הימן
פון ברידער־פעלקער הונדערט, וואָס גייען האַנט ביי האַנט.

לאַנד מיינע, ביי בירא! נישט געזען און נישט גע'חלומ'ט,
לאַנד, וואו עס צעשטראַלט־זיך זיכער אונזער דאַך...
נעם־אויף מיין ליד פונווייטן אין דיינע ברייטע אָרעמס,
גיב מיין דאַנק און שלום דער סאָוועטנמאַכט.

# מיינע ברידער

מיינע ברידער בויען ארץ ישראל.
מיינע ברידער בויען אין בירא.
מיט לעבן נייעם ווערט ערד דאָרט אָנגעפּאָיעט,
וואו נאָר מיינע ברידער זיינען דאָ.

אין דעם דרום'לאַנד, ביים ים ביים בלויען,
וואָס געלעגן איז אין עלנט, ווי אַ שטיין,
האָבן ברידער מיינע מיט געזאַנג פאַריאָגט דעם טרויער,
מיט געזאַנג געלייגט דאָרט דעם שאָסיי.

און אין הייסע האָיראַס זיך־געטראָגן.
נייע ליבשאַפט האָט געזונגען אינ'ם בלוט
און אין פריהע, ליכטיקע פאַרטאָגן
האָבן זיי געבויט און נישט גערוט.

מיט אימפּעדיקער אַרבעט רוישט דאָרט איצט דער קבוץ.
שטעט נייע שטייען־אויף פון מדבר־זאַמד,
וואו נאָר אונזער דרייסטער, שטאָלצער חלוץ
נעמט די אַרבעט אין זיין פלייסיק האַנט.

ליד מיינע פליט צו אייך פונדערווייטן.
איך שטרעק צו אייך מיט ליבשאַפט מיינע הענט.
איך בין גליקלאַך, וואָס אין אונזערע צייטן
האָבן מיר דעם וואונדער פון אויפבויאונג דערקענט.

ברידער מיינע, חלוצים, פּיאָנערן!
ברידער פון ארץ ישראל און בירא!
שטאַרקט די הענט! זאָל נייער לעבן יערן,
וואו נאָר איר שטעלט אויף באָדן אייער טראָט...

## מיר — מענשן

זונען אין אונזערע אויגן,
פרישע זאַנגען אונזערע האָר...
אונזער לעבן ווערט פאַרפלויגן,
ווי בײַ דער ערד איין קורצער יאָר.

מיר זײַנען אַלע — מענשהייט, מענשן.
אויף אונזער פּנים וואונדער רוהט.
מיר גייען אונזער וועג געבענשטן,
אונזער מענשליך וועג מיט אויסרוף: „גוט."

מיר זײַנען פּלאַנעטן אויף אַרביטן.
אונזער וועג אין רעכטער צייט זיך שליסט...
מיר טוען סודות פּאַרכטיק היטן,
ווי ים, ווי שטערן אין דער וויסט.

## פון נײַע זינגעוודיקע וועגן

פון נײַע זינגעוודיקע וועגן
ריים איך, טראָג איך פאַר אײַך לידער.
פון שווערע, דאָרנדיקע שטעגן
ברענג איך זיי צו מענשן ווידער.

איך וועל זיי אײַך ברענגען ווידער,
לייכטע, זוניקע געוועבן,
זינגען זאָל מען זיי אין שטיבער,
הילכן זאָלן זיי אויף וועגן.

אין זייערע שורות — טעג פון טרויער,
און טעג ליכטיקע און צאַרטע.
איך האָב זיי געקליבן אין פרייד, אין בלויער,
אויף וועגן שטיינערנע און האַרטע.

# מיט קיינעם זיך ניט בייטן

מיט קיינעם אין דער וועלט וויל איך זיך נישט בייטן.
איך בין גליקליך, וואָס אין אַ צייט אַ גרויסער בין איך דאָ.
מיט העלן ליכט וועט לויכטן לאַנג אויף ווייטער,
אויף יאָרן טויזנט דער גאַנג פון אונזער דור.

איך האָב אַליין געזען, ווי אַ פאָלק קען זיך באַפרייען.
איך האָב געזען רויטפרילינג אין אָקטאָבער אויף דער ערד.
איך האָב געזען, ווי אונטער שנייען האָט געגרונט מאַיען.
איך האָב דעם רוף פון פרייהייט אין מיין אייגן בלוט דערהערט.

אַ צייט אַזאַ, ווייס איך, קען נאָך איין מאָל נאָר קומען.
ווען באַפרייען וועלן־זיך אַלע פעלקער פון דער וועלט.
דאַן וועט נאָכאַמאָל נעמען זומערן —
פון פאָנען פרייע אין ליכטיקייט צעהעלט.

וואָלט איך מיט קיינעם נישט געוואָלט זיך בייטן.
איך בין גליקליך מיט'ן וואונדער, וואָס איך זע.
מיט ברידער איך גיי צו העלע צייטן,
צו אַ פרייער און באַגליקטער וועלט!

# אין שטורמווינט

שטורעם, ים! שטורעם!
עס מוז דאָך איינמאָל אויפברויזן, אויפפּלאַצן
און זיך־אויפרייסן אויך דיין האַרץ.
די ווייסט פאַרמאָגט דאָך בערג
און מיר— אונזערע שטעט און טורעמס.
מוזטו דאָך אויך אַמאָל זיך אויפשטורעמען
פון דייך פלאַך.

שטורעם ים!
הויב־אויף דיין פרייע וועל הויך און העכער.
הענג אויף דיין האַרץ אויף די ליפּן פון די וואָלקנס,
וואָס שפּיגלען זיך אין דיר.
איך זע דיך אַ צעפּלאַצטן.
ביסט פול ווי מיין אייגן בעכער
און דיין שטורעמען רופט־זיך־אָפּ אין מיר.

גוט איז מיר
אין דיין מיט זיך־טראָגן.
נאָנט איז מיר דיין צעברויזטער, ווילדער אויסגעשריי.
דיינע וועלן אויפגעשטיגענע
צום ווייטן ברעג זיך יאָגן.
זיי זינגען־אויס
דיין ווי, דיין ווילדער פרייד.

איך זע—
קעפּ צעשליידערט. פּנים'ער פאַרבלייכטע,
אויגן צעטונקלטע פון וואַקל, אויגן פול מיט שרעק.
איך גיי־אַרום אין שטורעם.
די וועלן—פּאָנעץ ווייען רויטע,
גוט איז מיר דאָ זיין—
אין מיט פון ים און דעק.

שטילקייט שטייגט אין מיר.
אין אָטעם פֿון דעם שטורעם.
זאַלץ צעפּרעסט מיין פּנים.
דער ווינט מיין ברוסט פֿאַרפּלייצט.
עס זינגט אין בלוט ביי מיר
דער אויפשטייג פֿון סכּנה
און דער פּנים פֿון תּהום ליגט פֿאַר מיר אַנטבלויזט.

דער ים שטייגט־אויף.
ער לעקט די העלדזער פֿון די וואָלקנס.
דער שיף זיך־וואַקלט, ווי אַ שכּור אין זיין טראָט.
מיין אויג געווענדעט צו לויטער,
צו שטילקייט פֿון די מאָרגנס,
וואָס איז שטאַרקער פֿון דעם שטורעם,
און אורקוואַליק, ווי גאָט.

# פאַרשטעלטע געשטאַלטן

איך גיי איבער גאַסן מיט אלעמען גלייך.
איך בין נאָר אַ טראָפּן אין שטאָטישן שטראָם.
פּלוצלונג דערפיל איך — איך בין אנדערש פון אייך.
איך גיי איבער גאַסן, ווי ביי'ם ראַנד פון תהום.

מיינע אויגן דערזעהען די טונקעלע טיף.
איבער קאָפּ מיינעם וויגן זיך שפּיציגע שטיינער.
אלע מיר גייען, ווי איבער ימים א שיף,
וואוהין פירט דער וועג — פון דעם ווייס נישט קיינער.

דער וועג איז א ווייטער, דאָס איז אלעמען קלאָר.
אָט זינגט, דאַכט־זיך, זיכער דער טראָט איבער טראָטואַרן,
נאָר פּלוצלונג צעוויגט זיך אין וויכער די וואָר,
מיט אפּגלאנצן רויטע פון נאָנטע פּאָזשאַרן.

# וואָלקנס

איך האָב היינט געזען אין וואָלקנס דאָס פּנים פון מיין גאָט.
קיילעכדיק איז עס געווען. טונקלגאָלדיק. און העלגאָלדיק זיין שטערן.
אונטן האָט דער ים געפּליסקעט מיט זינגעוודיקן טראָט
און פויגל־געשריי האָט זיך געלאָזט ביים ראַנד פון זאַמדן הערן.

די פויגלען האָבן זיך געטראָגן מיט פליגלען ברייט צעשפּרייט.
מיט ליבגעזאַנג אין קול, מיט תּפילות פאַר זיין פּנים...
פון די וואָלקנס האָט אַראָפּגעזונגען פון זונפאַרגאַנג די פרייד.
מיין גאָט האָב איך געזען און שטיל געזאָגט: כ'דערקאָן אים...

פון זיין העלן שטערן האָבן געדאַנקען שטראַלנדיק געשטראָמט.
דאָס גאַנצע פּנים איז געווען טונקלגאָלדענער שמייכל.
פון גליק האָט ער מיר אָנגעזאָגט און האָט פון מיר געמאָנט:
גיי צו באַרגשפּיצן זוניקע און הויכע!

# פון וועלטן ווייטע דער געזאַנג...

איך האָב ליב דעם באַריר פון שטראַלן אויף מיין פנים —
פון שטערן ווייטע, פון דער נאָנטער זון...
דער גרוס פון ווייטקייטן, פון וועלטן מיליאָנען
שטראָמט צו מיינע אויגן צו.

צי־איך־אויס, ווי סטרונעס, דעם ביין פון מיינע פינגער —
אַ מנין שטראַלן צו אומענדלאכקייט...
מיין שטים כ׳הויב־אויף אין כאָר מיט אַלע זינגער.
שאַלט־אָפּ מיין שטים אין שטילן גאַנג פון צייט.

אין באַריר מיט זון, אין באַריר מיט ווייטע שטערן —
ווער איך, ווי אַ שטויב, אַ לויטערע אין גאַנג...
גוט איז מיר איבער מיין ערד שטערן זען. און הערן
פון וועלטן ווייטע דעם אייביקן געזאַנג.

# אזוי ווי איך בין

אָט אַזוי ווי איך בין... אַזוי קליין —
ציה איך מיינע הענט איבער בערג.
אין דער גאַנצער וועלט איך וואוין,
און ענג און ברייט איז מיין וועלט.

ענג איז מיין צימער און דאָך...
פענצטער צו ווייטער ווייט.
און נאָנט ווערט מיר יעדערנס יאָך
און יעדערנס ווײ אין מיר שרייט.

אַליין בין איך עטליכע פוס —
פון די פינגער ביז ענד פון מיין קאָפּ...
פון דער גאַנצער וועלט אַ גרוס —
ווי אַן עכאָ אין מיר רופט־זיך אָפּ.

# צו דיר, מיין ערד

איך זינג מיין ליד פון דיין פּנים, ערד.
פון דיינע בערג איך זינג און דיינע גראָזן.
דיין קול פאַרנומען, דיין וואָרט דערהערט,
האָב איך אין זונענשיין דעם ראָזן.

איך האָב דיין שטילע שטים דערהערט,
דערזען דעם שיין פון דיינע אויגן.
מיין בלויע, מילדע מאַמע־ערד,
פון דיר געקומען כ׳בין, צו דיר איך גיי זיך בויגן.

# אַ זעאונג

אַלץ וועט פֿאַרגיין. פרייד און שווערסטע ליידן,
ווי עס פֿאַרגייט אין מערבֿ־זייט די זון...
קיין זאַך וואָס לעבט אויף דר'ערד, וועט דעם גורל ניט פֿאַרמיידן —
אויסגעלאָשענע שטערנס אונז 'זאָגן־אָן דערפֿון.

בערג וועלן צעפֿאַלן, דער ים וועט זיי פֿאַרשלינגען,
דער צווייטער תהו ובהו וועט זיך אויפֿהויבן אויף ערד.
די וועלט וועט 'איינדרימלען אין קייט פֿון וואַסער־רינגען,
וועט זיפֿצן פֿון תהומ'ען, פֿון קיינעם נישט דערהערט.

איבער וואַסערן פֿאַרשטילטע, וועט אויפֿגיין די לבֿנה —
קיין איינאונאיינציק אויג וועט איר פּנים ניט דערזען...
זילבערבלויע ימים וועלן מורמלען פֿון סכּנות,
פֿון ערד פֿאַרשלונגענער, וואָס איז ווי אַ בלויער בלום געווען.

נאָר ערגעץ, אין די ווייטקייטן, וועלן זיך טראָגן לידער —
געזאַנג און וואָרט און בענקשאַפֿט פֿון פּאָעט...
אַריבער וואַסערן, אַריבער תהום און נידער
וועט צו אייביקייטן זינגען אונזער ציטעריק געבעט.

# אינהאַלט

זייט


אַ וואָרט

פיר לענדער — 7

פּריוויטהייט־ווייץ — 8

הײמלאָזע — 9

צו די שוואַרצע פרויען — 19

איבער אויסגעפוצטע גאַסן — 11

אַן אַרבעטסלאָזער — 12

אַ פליקערין — 13

אַ מיידל פירט דעם עלעוויטאָר — 14

שו־שיין־שאָפּ — 15

זעקלאַך קאַרטאָפל — 16

פון שפּע די ברכה — 17

לאה — 18

אַ שאָפּ — 19

## היים

היימווי — 20

פאַרגאַנגענעם — 21

מיין פאָטער — 22

מיין קינדהייט — 23

צו מיין היימשטאָט — 24

אַהיים צוריקקער — 26

צו מיין פאָטער — 27

פון מיינע עלטערן — 28

אַ טאָג וועט זיין — 29

פאַר אַ פּאָגראָם — 30

נאָכ׳ן פּאָגראָם — 31

דורך דער וועלט — 32

לידער מיינע — 33

איך גיי אינמיטן וועלט — 33

## צו ניו יאָרק

דאָס פּנים פון ניו יאָרק — 34

ניו יאָרק — 35

מי — 36

אַלע נאַציעס — 37

ווי וואָרעם בלוט — 37

הונגער אין ניו יאָרק — 38

אין שורות פון מיין ליד — 39

## ים


ים — 40
אויפ׳ן ברעג — 41
ביי׳ם ים — 42
ביי׳ם ים — 43
דער האָריזאָנט — 44
ים — 44
דער ים — 45
אייביקע לידער — 46
אייביקער ים — 47
פאַרנאַכט ביי׳ם ים — 48
צעגליטע בראָנז — 49
ים בייַנאַכט — 50
ביי די שוועלן — 51
שטילקייט — 52
צום ים — 53
מיט אים שפּאַצירט — 54
אין אַ זומערדיקן אָוונט — 55
איז גוט — 56
ווייסטו — 57
אין שעה׳ען שפּעטע — 58
פון בוים צו בוים — 59
צו דיר — 60
גוט איז — 61
ווי אין אַ שפּיגל — 64
שטרענג — 65
פאָרם און אינהאַלט — 66
ביכער — 67


## מדבר


מאָטטאָ — 68
אַ מענש ביי׳ם מדבר — 68
אויפ׳ן שוועל פון מדבר — 68
בענקשאַפט — 69
געלע טענץ — 70
שטורעמט אויף שטעט — 70
אויפלייזונג — 71
געבליבן שטיין — 72
ביי׳ם טיר פון מדבר — 73
דער פּנים פון מדבר — 74

גאָטס־טרויער — — — — — — — — 75
דער מדבר בליהט — — — — — — — — 76
נאָנט — — — — — — — — — — 78
דורך מדבר — — — — — — — — — 78
צוריק פון מדבר — — — — — — — — 79
באַענטער מדבר — — — — — — — — 80
עס וואַרטן די מדבריות — — — — — — 81

## אזוי ווי איך בין

מיר און אונזער ליד — — — — — — — 82
איך בין אַ גאַסט — — — — — — — — 83
עס איז טאָג ארום מיר — — — — — — 84
דערמאָנט — — — — — — — — — — 85
געבורט פון ליד — — — — — — — — 86
צו די דערפינדער — — — — — — — — 87
צו סערגיי יעסענין — — — — — — — 88
צו פושקינען — — — — — — — — — 90
ווען איך הער בעטהאָוזען — — — — — 91
צום ליד — — — — — — — — — — 92
דער צוג פון סודות — — — — — — — 93
אין לעצטן גאַנג — — — — — — — — 94
פון ווייסן יום טוב — — — — — — — 95
ווי האָניק — — — — — — — — — 96
אַ באַרג פיין — — — — — — — — 97
צווישן בערג און פאַלמען — — — — — 98
דורך אַלדאָס בייז — — — — — — — 99
וויי־ווייטאָג — — — — — — — — 100
עכאָ — — — — — — — — — — — 101
מיט אַנטציקטע אויגן — — — — — — 102
צום וואָרט — — — — — — — — — 103
האַרבסט — — — — — — — — — — 104
אָקטאָבער — — — — — — — — — 105
ליכטיק — — — — — — — — — — 106
הארבסט — — — — — — — — — — 107
אַוועק — — — — — — — — — — 108
פרילינג — — — — — — — — — — 109
מיט בענשנדיקע הויפנס — — — — — 110
נשמה מיין — — — — — — — — — 111
אונדערפרי — — — — — — — — — 112
פרילינג — — — — — — — — — — 113

עס גייט דער טאָג אַוועק — 114
פאַרנאַכט — 115
אַ בריוו פון פוילן — 116
אַ בריוו — 117
פאַר אלע — 118
צו איך, קראַנקע — 119
שטום — 120
בלינד — 121
עכאָ — 122
וואָגל — 123
אין טאַנץ — 124
אַ בריוו — 126
רויטע פאָנען — 127
איבער מיין ערד — 128
דער בלאָנדער משיח — 129
צום ערשטן מאַי — 130
די גאַנצע וועלט — 131
צו דער בראָנזענער דיאַנע — 132
הירש און אָדלער — 133
ווי דו — 134
מיין ליד, מיין קינד — 135
דיין וואָרט נישטאָ — 136
די תורה — 137
יוסף — 138
אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — 143
צו דיר, מיין לאַנד — 144
ערד — 145
ביי בירא מיין לאַנד — 146
מיינע ברידער — 147
מיר — מענשן — 148
פון נייע זיגנעוודיקע וועגן — 148
מיט קיינעם זיך ניט בייטן — 149
אין שטורמווינט — 150
פאַרשטעלטע געשטאַלטן — 152
וואָלקנס — 153
פון וועלטן ווייטע — 154
אַזוי ווי איך בין — 155
אַ זעאונג — 157
אַ זעאונג — 156